חוברת יד

# קול יוצאי קרמניץ

בישראל ובתפוצות



## תוכן העבינים - אייבהלט

עמוד מס'


עשר שנים ל"קול יוצאי קרמניץ" - המערכת 1
"קרעמעניצער לאנדסלייט שטימע" - 10 יאר - די רעדאקציע 2
קרמניץ במהפכת פברואר 1917 - אברהם חסיד 5
זכרונות פון דער אלטער היים - יצחק וואקמאן, ניו יורק 8
דוד האפשטיין ז"ל - פון די הרוגי מלכות אין ראטנפארבאנד 1952 - פייגה 12
שירה: הגות לב; כ'האב קיין מורא ניט פאר לידן - ד.הופשטין ז"ל 14
יוגנט קרייזן אין קרעמעניץ - א. גלוזמאן 16
אויף מיין זיידנעס טרעפ - די ערשטע וועלט מלחמה - מ.גאלדענבערג 20
קוים לדמותו של פרופ' אפולסקי - דוזיה רובינפיין- פדרמן 23
די אלטע באד - מרדכי כץ 24
יהודים בווהלין נאחזים בחקלאות - אברהם חסיד 25
בריוו פון א חלוץ אין די יארן 1926-1930, אויסציאן - לייב ביבערמאן ז"ל 28
בריוו פון אונדזערע חברים אין אויסלאנד - מנוס 31
פרעד ביק, ליקטנוואוד: וועלוול שביידער, דעטרויט; מרדכי כץ - בואנוס איירעס 31
בספרייה ע'ש ריב"ל - י. רוכל 34
טקס חלוקת מילגות מחקר מטעם ארגון יוצאי קרמניץ, ביום 2 במאי 1977 35


הלכו לעולמם.


פאניע (פייגע) גאלדבערג - מ.ג. 39
בערל קרעמען ז"ל - יהודית שטרן-רוזנטל 40
מאקס און בעטי ווישנער ז"ל - מאנוס 41
אירקה ואוטק בירן ז"ל - מ.ג. 42
דורה אייזנשטיין-יעקובסון ז"ל - יהושע ושבתאי 44
פרידה רובינפיין ז"ל - ק.י.ק. 45

עמוד מס'

זלמן פעסיס ז"ל - מאנוס גאלדענבערג 46
בינה בן-הרי (בליט) ז"ל - א. טיטלמן 48
ליוביה גוכברג ז"ל - יהושע גולברג 49
צבי בר-תנא ז"ל - מ. גולדנברג 49

פסיפס, הכלל והפרט - ליקט י. רוכל 51
לזכרו של פסח ליטב ז"ל; מנוס גולדנברג - בן 75; צבי ברנשטין
חזר מארגנטינה; האזכרה לקדושי קרמניץ; ראש העיר קרמניץ לשעבר,
כיום בלונדון, מברך את יוצאי קרמניץ בישראל לקראת שנת 1977;
קבלת פנים למר פייוועל בארץ ורעיתו מקאנאדה; ניצנים של העתונות
העברית, 1691-1856 - ספרה של ד"ר מנוחה גלבוע.

פארשיידענעס - ליקט י. רוכל 54
תרגמה ליידיש - חנה גאלדענבערג.
אן אזכרה נאך פסח ליטב (ליטוואק) ז"ל; מנוס גאלדענבערג א בן 75;
צבי בערענשטיין האט זיך אומגעקערט פון ארגענטינע; די יערליכע
אזכרה פאר די קדושים פון קרעמעניץ; יאן באפרע, געוועזענער בירגער-
מייסטער פון קרעמעניץ, וואוינט אין לאנדאן, באגריסט די
קרעמעניצער אין ישראל צום יאר 1977; אויטא אקצידענט פון חבר
דוד ראפאפארט; ניו יארק; א קבלת פנים פאר פייוול בארץ און
זיין פרוי, פון קאנאדע. 57

מזל טוב 58

תנחומים 59

ארגענטינער אפטיילונג 60
באגריסונג 60
איינדרוקן פון מיין רייזע־באגעגעניש מיט די קרעמעניצער אין
ארגענטינע - ח.צ. בערענשטיין 60
רשימה פון באשטייערונגען לטובת דעם ארגון אין ישראל 64
רישום של נפטרים מבין אנשי קרמניץ בארגנטינה, בספר הזכרון של
הארגון בישראל - ריווע טשודנאווסקי; אסתר רויטבערג; 65-68
יאשא פישמאן; ברכה יערגיס; אידל קאטקאווניק.

עמוד מס'

| | |
|---|---|
| שפענדונגען פון אויסלאנד - יהושע גולברג | 69 |
| הכנסה עבור נקרולוגים בחוברת זו - יהושע גולברג | 70 |
| רשימת התורמים למגבית לטובת "ק.י.ק" - יוהשע גולברג | 70 |
| דין וחשבון כספי לשנים 1975-1976, בלירות ישראליות - י. רוכל | 71 |
| דין וחשבון כספי לשנים 1975-1976, בדולרים - י. רוכל | 72 |


המערכת: מ. גולדנברג, י. רוכל, א. ארגמן, י. גולברג, צ. ברנשטיין, ש. סקולסקי.

עיצוב גרפי - א. ארגמן.

מחיר החוברת: 20.- ל"י, בחו"ל 3.- $.

כתובת המערכת: ארגון יוצאי קרמניץ, רח' לה גרדייה 67, תל-אביב, 67221.

ההפצה בחו"ל: William Kogan, 6828 Juno Str., Forest Hills, N.Y.11375 U.S.A.

Marcus Katz, Pasteur 235, 3e, A, Buenos Aires, Argentine.

Max Desser, 158 Anderson Ave., Winnipeg 4, Man. Canada.

# עשר שנים ל"קול יוצאי קרמניץ"

בחוברת העשור של "קול יוצאי קרמניץ" שהופיעה בדצמבר 1972 נמסרה סקירה נרחבת על מפעל זה ובה שלל נתונים על מה שפורסם. ראינו חוברת י' כחוברת יובל. ועתה אנו באים לחוג יובל שני למפעל זה - במלאת עשר שנים לחוברות ק.י.ק., ולקראת הופעת חוברת י"ד שתצא לאור ביולי 1977. (החוברת הראשונה יצאה לאור באפריל 1967). אחד החברים שלנו ערך סקר מקיף על פעולותיהם של הלאנדסמאנשאפטים הקיימים בארץ והתברר לו שכל ארגון מיחד לו סוג פעולה שונה, כדי לשמור את זכרה של הקהלה שהושמדה: אם ע"י הקמת מוסד כל שהוא (שעפ"י רוב אין לו קשר ישיר לקהילה שהונצחה), אם ע"י יסוד מועדון, אם ע"י פעולה סוציאלית וכדומה. הדבר המיחד את ארגון יוצאי קרמניץ הוא בכך, שארגון זה התרכז במפעלי הנצחה בשטחי תרבות, המאפיינים את הקהילה הזאת במיוחד, היינו: ספריה לספרות ההשכלה וקרן מילגות עבור עבודות מחקר בספרות ההשכלה, שתיהן על שמו ולזכרו של ריב"ל (יצחק בער לוינזון) איש העיר קרמניץ. מפעל ההנצחה השלישי הוא חוברות "קול יוצאי קרמניץ" המופיעות כבר עשר שנים. כמו כן הוציא הארגון בשנת 1954 ספר זכרון, מראשוני הספרים שהופיעו בשטח זה. אין זאת אלא שרוחו של ריב"ל, אשר הביא את תנועת ההשכלה לרוסיה, שורה על יוצאי עירו אשר בארץ ובתפוצות, ובבואם להקים שם ושארית לקהילה שהושמדה יחדו את מפעלי הזכרון בשטח התרבותי ובצמידות למוסדות ההשכלה שבארץ: לכתחילה - ליד סמינר הקבוצים (שם קיים גם המועדון שלנו עד היום) ולאחר זמן - ליד אוניברסיטת ת"א, במסגרת מכון כץ לחקר הספרות העברית. איש קרמניץ הקורא בחוברת, קמים לפניו לתחיה יהודי עיר מולדתו, ההווי שלהם בחול ובחג, האירועים שעברו על הקהילה בימי שלום ובימי מלחמה ושנוי המשטרים. ועם קריאת פרקי השואה, דואב הוא על אבדן הקהילה. מאז הושמדה יהדות קרמניץ, באוגוסט 1942, עברו 35 שנים. אורח החיים שלהם ופרקי הכליון תוארו בשני ספרים (האחד בארץ והשני בארגנטינה) ובעשרות רבות של רשימות בחוברות ק.י.ק., ועדיין לא תמו פרקי הזכרונות, ועדיין זורם אלינו חומר בעברי, ביידיש וגם בפולנית. ועם כל חוברת חדשה מוטל על המערכת להחליט מה לכלול בחוברת ומה להעביר לחוברת הבאה. כל עוד חי הדור שנולד בעיר זו, מצווה עלינו לספר ולרשום, למעננו ולמען הדור הבא, שיקרא וידע את מוצאו, את חיי הדור הקודם ואת כליונו.

אולם לא זאת בלבד. ק.י.ק. משתדל לשקף גם את ההווה, את הנעשה בין שרידי העיר בארץ ובתפוצות. החוברת מלווה את אנשי קרמניץ ביגונם (במקרים של פטירה) ובשמחתם - במקרים של אירועים משפחתיים. ב-14 החוברות פורסמו 202 רשימות

שונות, וכן 127 בקרולוגים והבעת תנחומין. מדור "פסיפס" משקף בעיקר את האירועים השוטפים בין אנשי קרמניץ שבארץ, וב-14 החוברות פורסמו 120 קטעים, שכל אחד מהם מוקדש לאירוע מסויים.

זהו יבול של 14 החוברות שהופיע עד כה, כולל החוברת הנוכחית, והיא נרחבת לעומת קודמותיה. התגובות החמות המגיעות למערכת מאת הקוראים, בארץ ובחו"ל, נותנות אומץ לעושים במלאכה להמשיך במפעל כל עוד כוחם עמם. ואתנו ההרגשה שהחוברות משמשות גם כליכוד בין יוצאי העיר לפזוריהם, בד בבד עם שימור זכרה של קהילת קרמניץ.

ה מ ע ר כ ת

☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆

## "ק ר ע מ ע נ י צ ע ר   ל א נ ד ס ל י י ט   ש ט י מ ע"
## - 10 י א ר -

בדחילו ורחימו טרעט איך אצינד צו צום שרייבן די דאזיקע שורות. פאר מיינע אויגן ליגן "פנקס קרמניץ", דער "יזכור בוך" פון די ארגענטינער, עטלעכע פארגעלטע, פון עלטער, בלעטער "קרעמעניצער שטימע", פון אנהויב דרייסיקער יארן אין קרעמעניץ און 14 העפטן "קול יוצאי קרמניץ". פון זיי אלע אנטפלעקט זיך פאר מיינע בענקנדע אויגן א רייך בילד פון ליבע געשטאלטן, געשעענישן, געסלאך אנגעפיקעוועטע מיט הארעפאשנע בעלי-מלאכות און קליינהענדלער, ברייטערע גאסן און רחבותדיקע הויפן, ווו סיוווינען גרעסערע סוחרים און געשעפטסלייט. ווי א שטורמישער ים רוישט דארט אן אינטענסיווע עקאנאמישע, קולטורעלע און געזעלשאפטליכע טעטיקייט פון אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג און פון דער ברויזנדער, גלויביקער יוגנט. עס שמייכלען צו מיר די אייגנהארטיקע טיפן פון פאלק מיט זייער חן און תמימות. געזונטע לעבענס-לוסטיקע יוגנטליכע שטאלצירן מיט זייערע הויכע דערגרייכונגען אין אלע צווייגן פון ספארט. און דאס אלעס אויף דעם פאן פון דער וווּנדערבארער נאטור פון אונדזער שטאט. כיבלעטער און בלעטער די פיל הונדערטער זייטלעך און סיכאפט מיך אן א שוידער. אזוי אומגלויביק און טראגיש האט זיך דאס אלעס געענדיקט. אפגעמעקט געווארן איז דאס יידישע קרעמעניץ מעל פני האדמה.... און אויך טרויעריק איז צו לייענען די פיל נעמען פון די לאנדסלייט פון דער שארית הפליטה, שהלכו לעולמם דא און די תפוצות פאר דער צייט, וואס "קול יוצאי קרמניץ" דערשיינט.

ווי גרויס איז אויך דער ווייטיק. ווען די שטויסט זיך אן אין איינציקע העפטן אויף די יונגע פנימער פון די זין אדער אייניקלאך פון אונדזערע חברים, וואס זענען געפאלן אין די שלאכטן אין ישראל. און עס גלוסט זיך דאן צו זאגן די תפילה: "הנני העני ממעש.. " ווייל אמת, ווער בין איך און וואס בין איך, כדאל האבן דאס רעכט אונטערצופירן א לעצטן סך-הכול פון אזא גרויסע, לאנג-דורותדיקע עדה יידן. גרויס און אומהיילבאר איז דער ווייטיק. אבער א קליינע נחמה קענען מיר האבן אין דעם, וואס אויב מיר האבן קערפערליך דאס יידישע קרעמעניץ אויף אייביק פארלוירן, איז אונדז געלונגען, אין א געוויסער מאס, מיט דער הילף פון די יזכור ביכער און "קול יוצאי קרמניץ" דאס אויפצושטעלן צוריק אין אונדזערע הערצער.

אצינד מיטן דערשיינען פון 14-טן נומער "קול יוצאי קרמניץ", ווערט 10 יאר זייט דער זשורנאל אונדזערער עקזיסטירט, און מער ווי 10 יאר, ווי אונדזער לאנדסמאן, מ. דעסער פון קאנאדע, האט פאר אונדז געבראכט דעם פארשלאג ארויס-צוגעבן א פעריאדישן ביולעטין. מיט שטאלץ קענען מיר זאגן, אז שוין פון ערשטן נומער האט "ק.י.ק." געטראגן דעם כאראקטער פון א זשורנאל אין וועלכן עס שפיגלט זיך אפ, חוץ דער אמאליקער היים, אויך דאס אלעס, וואס עס טוט זיך אפ ביי די קרעמעניצער דא און אין די תפוצות.

די 14 העפטן זאגן עדות וואס אונדזער אירגון האט אויפגעטאן, כדי צו פאראייביקן אויף א ווירדיקן אופן אונדזער שטאט. ו"אם יש את נפשך לדעת"... ווו ביאליק הויבט אן איינע פון זיינע שענסטע לידער, ליין, חשובער לעזער, די זשורנאלן וועסטו זיך אין דעם מיט דיינע אויגן אין דעם איבערציי̈גן. קום אויך ארויף צו דער שענסטער געביידע אין צענטער פון תל-אביבער אוניווערסיטעט, ווו עס געפינט זיך די הויפט ביבליאטעק פון קאמפוס. דא וועסטו זיך אנשטויסן אויף היימישע, גאר וויכטיקע סימנים פון דיין שטאט. און אויב דו וועסט זיך מטריח זיין און קומען צו איינע פון די יערליכע פייערליכקייטן אין אוניווערסיטעט באם פארטיילן די סטיפענדיעס פון אונדזער "קרן המילגות", וועסטו הערן וואס פאר א ראל קרעמעניצער משכילים, אין דער שפיץ מיט י.ב. לעווענזאן, האבן געשפילט אין דער קולטורעלער און נאציאנאלער אויפלעבונג פון רוסישן יידנטום אין צארישן רוסלאנד.

כדי די בילד זאל זיין א פולע, דארף מען ניט פארגעסן, וואס סיבאדייט פאר אונדז דער גרויסער און רייכער סעמינאר הקיבוצים. ווו מיר האבן געפונען

א היים וואו מיר קומען זיך צונויף א גאנץ יאר און פירן אויך דורך דארט די יערליכע אזכרות.

אט צו די אלע אויסגערעכנטע, איינדרוקספולע דערגרייכונגען וואלטן מיר נישט געקאנט צוקומען און, בעיקר אנהאלטן, אן דער הילף פון "קול יוצאי קרמניץ". קוק זשע נאכאמאל ארײַן אין די העפטן, טייערער חבר, וועסטו דאן מיט אונדז צוזאמען, בא דער געלעגנהייט פון דעם 10 יעריקן יובילײַ פון זייער דערשיינען, זאגן, "ברוך שהחיינו וקיימנו לזמן הזה!" און הלוואי זאלן אונדז געשענקט ווערן די יארן, דער ווילן, כוח און אויסדויער מיר זאלן צוזאמען פייערן דעם 15-טן יארגאנג פון "קול יוצאי קרמניץ".

די רעדאקציע

אברהם חסיד

# קרמניץ במהפכת פברואר 1917

מלאו ששים שנה למהפכה, אשר בתולדות העמים ידועה כמהפכת פברואר. ורואה אני צורך להעלות על הנייר את זכר האירועים של אותה שנה, כפי שמצאו את ביטויים בקרמניץ. מלחמת העולם הראשונה היתה אז בעיצומה. העיר היתה מלאה אנשי צבא שהיו משוכנים בבתי האזרחים, בחדרים שהפקעו ע"י שלטונות הצבא. בקרמניץ שהה אז המטה של הארמיה ה-11, שהשתכן בבנינים המרובים של הסמינר הדתי הפרבוסלבי, שהיה מוקף חומר מכל הצדדים. את הבשורה בדבר הדחתו של הצאר ניקולאי ה-2 הביא לנו העתון "קייבסקאיה מיסל" מיום 24.2. הידיעה הפתיעה את כולנו, מפני שעד אז העלימה העתונות מהציבור את ההתרחשויות שקדמו לכך, מחמת הצנזורה החמורה. העתון הנפוץ ביותר שנקרא בעיר היה "קייבסקיה מיסל". כתבו של העתון בקרמניץ לפני מלחמת העולם היה המורה העברי אהרן-שמעון שפאל, שהיה כותב בשם בדוי. אחד מסופריו היה הייבסק הנודע לשימצה משה ליטבקוב שהיה חותם בשם לירוב, והוצא לאחר זמן להורג ע"י סטלין. קרנסקי, שהופיע "בדומה" (הפרלמנט) בנאום בשם סיעת הטרודוביקים (עמלנים) הואשם בהסתה נגד הממשלה, באשר הוא תקף אותה על אזלת ידה באספקת מזון לאוכלוסיה. זה היה הרקע. והנה הגיעו הידיעות הראשונות על המהפכה, שכונתה לאחר זמן "מהפכת קרנסקי". יומיים לאחר זה נתקיימה בבית-הכנסת הגדול אסיפה ספונטנית המונית של היהודים, ובה נבחר נציג העדה לועד המהפכני של העיר, שהיה מורכב מבאי כח שלושת העדות הדתיות של העיר: פרבוסלבים, פולנים ויהודים. כנציג העדה היהודית נבחר פריץ אידיס. זוכר אני את ההתלהבות הגדולה של הקהל. פריץ אידיס נישא על כפיים לקול תשואות הקהל בהריעו לכבוד הנבחר. הידיעות מפטרוגרד בישרו על מינוי ממשלה זמנית בראשותו של הנסיך לבוב וקרנסקי - כשר הבטחון. על ביטול כל חוקי האפלייה הגזעית, על שוויון זכויות מלא ליהודים, וכן על חופש העיתונות. גל של שמחה פרץ אז מכל לב. באורח ספונטני נערכו מיטינגים המוניים בככר השוק ונישאו דגלים אדומים. הנואמים ואלפי השומעים היו ברובם מיחידות צבא, שהעלו על נס את מיגור שלטון הרשע והפיחו תקוות לחיים של חופש ודמוקרטיה. שירת המרסלייזה בקעה מפיהם של המתכנסים בין הנואמים המצטיינים ביותר זוכר אני את בן עירנו שמואל בארנבאום, ששירת אז בצבא והגיע לחופשה. ברבות הימים הוא הפך לקומוניסט אדוק. אחת הפעולות הראשונות של הועד המהפכני היתה פיטוריהם של מפקדי המשטרה של המשטר הישן והפיכת המשטרה למיליציה עממית. במקום ה"גורדובוי" שזה היה כינויו של השוטר, ניתן לשוטר השם "מיליציונר" ועל שרוולו סרט אדום. רבים מן השוטרים שהיו ידועים

בהתנהגותם האכזרית לאזרחים, ואלה שהיו ידועים בתור מקבלי שוחד, פוטרו, ובמקומם נתקבלו אחרים מבין תושבי העיר, ביניהם היו כמה יהודים. מהם אני זוכר את ז'ינז'ירוב, את לייביש צ'אצקי, את קורניץ התפר ועוד. שני אזרחים, שהיו ידועים כאנשים ליברליים, נתמנו כמפקדי המיליציה. אחד מהם היה ציוני ותיק והוא - הרב מטעם - עזריאל גורנגוט. נוסף לתפקידו כמפקד המיליציה היה מרצה בשבתות אחה"צ בתנ"ך באולם הראינוע "זווייזדה". היה זה אחד הפלאים של התקופה החדשה: רב כמפקד מיליציה וכמרצה בתנ"ך. זכור לי מיטינג המוני בגן "טיבולי", שקראו לו אז "פלושטשדקה" בו נאמו נציגי כל העדות. בשם העדה הפולנית נאם הכומר הקתולי ביליצקי, שהיה ידוע כאדם ליברלי. בנאומו ציין את סיבלות העם היהודי והביע תקוותו שיבוא הקץ לאפליות. בגן זה נתקיימה גם חגיגת אחד במאי (ראה ק.י.ק. 12). אט אט התחילו להתארגן סניפי המפלגות: בונד ופועלי ציון, (בטרם התפלגו לימין ושמאל). פעילות ענפה פיתח הסניף של ההסתדרות הציונית. מקום בולט בציבוריות הציונית תפס אז בקרמניץ אברהם ורטהיים (אחיה של הגננת יענטל ורטהיים) שכיהן כמיופה כח של הועדה הממשלתית לעזרה לנפגעי המלחמה והיה בו בזמן גם בא-כח ה"ג'וינט". הוא נתגלה כמארגן מוכשר ונואם מבריק. היה מופיע יחד עם ד"ר בוזיה לנדסברג באספות עם, בהן החדירו את הרעיון הציוני בקרב ההמונים. זוכרני שבאחת האסיפות בבית הכנסת הגדול, שנקראה לקראת ועידת יהדות אוקראינה בקיוב, הלהיב ורטהיים את הקהל במידה כזאת, שכולם הצביעו בעד ההחלטה לדרוש את ארץ ישראל כפיתרון לבעיית היהודים.

באוגוסט 1947 התכנסה בפטרוגרד ועידת ציוני רוסיה וכצירים מהעיר קרמניץ נבחרו ורטהיים ולנדסברג. באותה ועידה הוחלט בין השאר על הנהגת השפה העברית בכל בתי הספר היהודים ברוסיה. האספות הראשונות של רוב האיגודים התכנסו באולם, שהיה ידוע לפני כן כמועדון לתה מיסודה של "החברה להינזרות מאלכוהול" ובקרא "טשיינאיה". מקומו היה בביתו של חיים בקימר, ליד ככר השוק.
המועדון היה מיועד לפעילות הנוער הלומד, תלמידי בתי הספר שלמדו בערים הגדולות (קיוב, אודסה ועוד) מחמת העדרם של בתי ספר בקרמניץ בשל מצב המלחמה. הסניף של ההסתדרות הציונית שכר אז דירה גדולה בחצר צוקרמן. שמה הועברה גם הספריה הציונית, שנמצאה לפני כן בבתים פרטיים, מחמת היותה בלתי ליגלית.
אורגנו שם שיעורי ערב לעברית. בהם הורה צעיר בשם בן יהודה, תלמיד הגימנסיה "הרצליה", ביפו לשעבר. כן אורגנו הרצאות על נושאים ציוניים, בהם הרצו ד"ר בוזיה לנדסברג, חנוך רוכל, סוניה גרינברג ואחרים. זוכר אני הרצאות

על אחד-העם, משה הס, בורוכוב ועוד. למרות שוויון הזכויות שהובטח ליהודים ברוסיה והתקוות לחיים דמוקרטיים תקינים, נטה רוב הציבור היהודי בקרמניץ לציונות וראה בארץ ישראל את הפתרון לבעיית היהודים. פעילות רבה נודעה אז למפלגה של הבולשביקים, אשר מנהיגיהם בקרמניץ היו אז מבין הצבא, ומהם התבלט הפרפורשצ'יק (סגן משנה) קרילנקו, שכיהן במטה הארמיה ה-11. הוא היה נואם מזהיר, מלהיב המונים, בקרב הצבא רכש תומכים רבים למפלגה, בהבטיחו לסיים מיד את המלחמה, אשר הממשלה הזמנית החליטה להמשיכה עד "הנצחון הסופי".
החיילים היו עייפים מאד מהמלחמה ורצונם היה עז לחזור הביתה למשפחותיהם.
זה הביע רבים להצטרף לבולשביקים (אז הם עוד לא נקראו קומוניסטים). קרילנקו היה אדם משכיל, לשעבר מורה להיסטוריה בגימנסיה שבעיר לובלין, וסולז'ניצין מזכיר אותו בספרו "ארכיפלג גולג", כקטיגור ראשי נגד "האס-ערים".
סופו היה שהוצא להורג ע"י סטלין. לקראת התחלת הלימודים בבתי הספר באמצע אוגוסט, עזבו בני נוער רבים את העיר, כדי להמשיך לימודיהם בערים אחרות.
כי בקרמניץ היו עוד בתי הספר סגורים, עקב המלחמה שהיתה עדיין נטושה.
באותו זמן הורכבה בקרמניץ מועצת עיר חדשה מנציגי המפלגות, וכנציגו היהודי זכור לי עזריאל קרמנצקי, שכיהן בעיריה שנים רבות. לשיא הגיעה מלחמת הבחירות לקראת כינונה של האספה המכוננת, שעמדה להתכנס ב-25 באוקטובר 1917. מנהיגי המפלגות ותעמלניה פשטו על כל ערי רוסיה, וגם לקרמניץ הגיעו מנהיגים של ה"בונד" ושל "פועלי ציון". בכשרון רב התפלמס אתם הד"ר בוזיה לנדסברג.
אולם האספה המכוננת לא זכתה להתקיים. ביום התכנסותה היא פוצצה ע"י הבולשביקים שכבשו את השלטון. סמוך לכך התחילה מלחמת האזרחים ובמדינה השתררה אנרכיה. רבים היו מקרי ההרג והשוד בעיקר ע"י כנופיות חיילים שנטשו את החזית.
בקרמניץ נהרגו כמה אזרחים ונשדדו ונשרפו חנויות (ביניהן החנות והבית של דוד גולדנברג, אבא של מנוס). המהומות נבלמו ע"י "ההגנה העצמית" שנתארגנה אז בעיר. באוקראינה כבש את השלטון ההטמן סקורופדסקי, שקבע משטר של דיקטטורה, והתחילו נגישות פוליטיות. בקרמניץ נאסרו רוב עסקני הציבור וביניהם בוזיה לנדסברג, גולדרינג וקורניץ. הם היו כלואים עד כיבושה של העיר ע"י צבאות פטליורה. כך הגיע הקץ לשנת אביב המהפכה של פברואר, אשר הפיחה תקוות ורודות לחיים תקינים של חופש ודמוקרטיה, תקוות אשר עד מהרה התבדו.

יצחק וואקמאן - ניו יארק

## זכרונות פון דער אלטער היים

די יארן לויפן. איין יאר יאגט נאך דאס צווייטע. און די עלטער רוקט זיך אלץ מער אן. און אז איך קוק אריין אין מיין טעלעפאן ביכעלע, ווי ס'זענען פארשריבען די טעלעפאנען פון מיינע פריינט און באקאנטע, ווערט מיר קאלאמוטנע אויף דעם הארצן. כ'מוז אויסשטרייכן אין טעלעפאן נאכן אנדערן און יעדעס מאל, וואס כ'טו דאס גיט מיך א ציפ ביים הארצן - יא ברודער, ס'טויג ניט... ס'איז ניט פויגעלדיק!!" און די גייסט זיך אליין א פארטראכט וויאהין פארסטי?"... ניין, ס'איז ניט גוט צו טראכטען דערפון, נאר איבער צו מישן דאס בלעטל און ווייטער פארן... ווי ווייט?? " מיינער א באקאנטער (ער איז שוין אויך אוועק) פלעג לאכענדיק מיר זאגן: "טראכט יונג, פארזינג זיך מיט א ליד פון אמאל און טראכט ווייטער יונג". נו טראכט איך פון די שוין לאנג פארגאנגענע יארן. און אזוי טראכטנדיג, האב איך באשלאסן אנצהויבן צו שרייבן פון מיינע יונגע יארן דארט אין מיין בעליבטער שטאט קרעמעניץ. פאר היינטיגע צייטן איז דאס אפשר נאריש, דאך לעג איך פאר מיינע לאנדסלייט אויך צומאלס אוועק קוקן פון וואכעדיקן היינט און צוריק געיען אהין אין טאל פון דער פארווארפענער שטאט קרעמעניץ, זיך פארטראכטן און, אויף א ווײַלע, אויפפרישן זייער זיכרון און ס'וועט זיך אייך דאכטן, אז איר זענט צייטווייליק צוריק יונג, צוריק פריש און א שמייכל וועט זיך באווייזן אויף אייער צוקנייטשטען פנים... און דעריבער, צו דער ארבייט: "טראכט יונג און פיל יונג!"

### די "יעווריסקאלע אוטשילישטשע"

מיינע חברים ווייסן אז דאס איז געווען ביי חיים באקימער אין הויף. אנטקעגן האט געוואוינט ישראל מרגלית דער גביר און ביי דער זייט דער בלינדער מוזיקאנט, וואס האט אונז געלערנט זינגען. די טייערע און ליעבע קינדערשע יארן אין דער אוטשילישטשע- איצע דער "בולאטשניקי" פלעגט קומען אין הויף. אין די הפסקות האט מען געקויפט ווער א בולקעלע, ווער א ראגאל אדער גאר א געזאלצענעם בייגל. מיהאט זיך געוועט ווער ס'וועט אויפעסן א בייגל אן די הענט, עסן און נאר מיט די ליפן צוהאלטן דעם בייגל, ער זאל ניט

אראפּפאלן - וועֶר ס׳האט דאס געמאכט האט פארן בייגל ניט באצאלט און געקריגן נאך איינעם. - איך בין קיין בריע ניט געווען דארצו, אבער הערשל טאבאטשניק אדער דאניעק זיי האבן דאס געקענט מאכן. און נאך א זאך געדענקט זיך: ווי אין חודש מערץ איז מען געגאנגען קלויבן ״פּאדסניעזשניקעס״ און מ׳האט דערנאך אריינגעבראכט דאס ליים פון די שיך אין שולע אריין. דער זאוועדויושטשע, - מאיסיי באריסאוויטש, האט אזוי פיל געשריגן, אז מיר זענען געזעסן ווי ״ביונקעלעך״. דער לערער בוים האט האפט די קינדער געשיקט איינקויפן - נו האט ער מיך געשיקט קויפן א באנקעלע נעפּט. האב איך דאס געקויפן אין א גלעזערנע פלאש - אויבן געפלאכטן מיט שטרוי. און אזוי האב איך געקלאפּט אין די קלעצלאך, וואס זענען געשטאנען אויף די טראטוארן.און וואס מיינט איר - טראסק - איך בין געבליבן מיט דעם הענטל און דער נעפּט האט זיך אויסגעגאסן. בין איך געלאפן אהיים און דערציילט דעם טאטן - און ער האט די זאך דערלעדיגט. כ׳האב מיך געשעמט פאר מיין גוטן לעהרער, וואס האט נעבעך ביינאכט געשפּילט אין קארטן און געקומען אין שולע א מידער און א צובראכענער - ער איז געווען גאלפערסאנ׳ס איידעם און האט געהאט,מיר דוכט,5 אדער 6 מיידלעך.



״לעפּקע״ דער ידישער גיבור

מיר האבן דאן געוואוינט ביי שפּיגלען אין א דירה מיט א פעסט געבויטען איזערנעם גאניק - אונטען האט ר׳ שלמה קאוועל געהאט זיין קוזנע. דאס איז געווען אויף דער ״שיראקע״ גאס אנטקעגן מינאקאוו׳ס גרויס געשעפט. ביי דער זייט איז געווען א זייער שמאל געסעלע, ווי מ׳פלעגט אריין גיין צו שלום באדל דעם שניידער. ביי דער אנדערער זייט איז געווען פייגע איידעלמאנ׳ס

גאלאנטעריי געשעפט. משה איידעלמאן איז קיינמאל ניט געווען אין קלייט. ער איז ארומגעלאפן אדער ארומגעפארן אלס א סטראכאוואי אגענט. איך בין דאן געווען א דריי יעריק קינד. איך האב זיך געשפילט אויפן גאנעק מיט פרעלן, ר' שלומה קאוועלס איינינקל. מיהאט געדארפט ארויף גיין אויף עטליכע טרעפלעך. מיין טאטע איז געווען א זייגערמאכער און די מאמע איז געווען די סוחריטע. פלוצעם איז געווארן א געלויף - לעפקע, דער גיבור, איז געגאנגען אביסל פארשיכורט, פון איין קלעצל צום אנדערן. די קלעצלאך, וועלכע זענען געווען א פארזיכערונג קעגן די פירען, זיי זאלן ניט ארויף פארן אויף די טראטוארן, זענען שוין לאנגע יארן געווען טיף ארייגעגראבן אין דער ערד. לעפקע איז לאנגזאם געגאנגען פון איין קלעצל צום אנדערן, ארוק געטאן יעדעס קלעצל פון איין זייט צו דער אנדערער און איינס נאכן אנדערען ארויסגעריסן און אנידערגעלעגט ביי דער זייט. ווען ער איז צוגעקומען צו אונדזער אייזערנעם גאנעק - האט ער אים אין איין מינוט איינגאנצען אויפגעהויבען. מיר האבן אנגעהויבען צו קוויטשען. לעפקע האט דעם גאנעק צוריק ארייגעשטעלט אויף זיין פלאץ, און געזאגט: "ניין, קינדער טאר מען נישט שרעקן. יידישע קינדערלאך"... און ער איז ווייטער געגאנגען טאן זיין ארבייט...

## אין "חדר" ביי עלי מלמד

זאלן זיך מיינע פריינט דערמאנען ר'עלי מלמד - א למדן, א גאון. אבער, נעבעך, א קראנקער, נערוועזער מענטש. ער פלעגט אונז קאטעווען, און מיר, חברה, האבן געטראגן א פארדראס אויף אים. ווער געדענקט ניט דעם אמאליקן חדר: א לאנגער שמאלער טיש, ביי יעדער זייט פון טיש 10-12 קינדער. דער רבי איז געזעסן ביים עק פון טיש - ער האט געהאלטן אין דער האנט א שטעקן מיט אן אייזערנער סקיפקע אונטער דעם טיש. חברה האבן געלערנט חומש. דארט ביים עק פון טיש, ווייט פון רבין, האבן חברה געמאכט ביזנעס - מיהאט געהאנדלט מיט קנעפלעך, מיט סטאשקיס - מיהאט סתם גערעדט. און מיטן-דרינען האט דער רבי אויף גיהערט צו לערנען - אלע זענען שטיל געבליבן. און דער רבי פרעגט: "ווי האלט מען בעריל?" ווי זאל בעריל פוסקיס וויסן ווי מיהאלט? שלעפט מען אים ארויס און מיהויבט אים אן צו שלאגן - בעריל איז אבער

א געזונטער יאט און ער גיט דעם רבן א שטארקן שטויס אפ צוריק. מ'האט פון אים פיל געליטן און דער עולם האט באשלאסן, אז אין אלע ווינקעלאך און אויף די ווענט האט מען אנגעקלעפט פאפירלעך און געשריבן אויף זיי: "קנאבעלי" דעם רבינ'ס פנים האט טאקי אזוי אויסגעזען: אן האר ביי די זייטן, די האר זענען שוין לאנג אויסגעצופט געווען דורכן רבין אליין, פון אונטן איז ביי אים געהאנגען א בינטל פון זיינע געלע האר, ממש ווי א קנאבעל.

נו, האט ער'ידן פון אונז געשלאגן און מיר זענען נישט געגאנגען לערנען - ביז דער רבי האט צוגעזאגט די עלטערן אונז ניט שלאגן מער. - די יארן זענען געגאנגען - איך האב חתונה געהאט און געווען א גרויסער מאכער ביי דער פוילישער מאכט. דער סטאראסטווע באזשינסקי, איז מיט מיר געווארן א גאנצער מחותן - ער פלעגט פשוט ארויסציען פון מיין טאש דעם בייטל און זיך ארויס- נעמען וויפיל ער האט געוואלט - ער האט אלעס באכער באצאלט - איינמאל איז דער אלטער עלי מלמד געקומען צו מיר און דערציילט, אז סיאיז פארשריבן אין רעיעסטער, אז ער האט איין זון, מאנוס, וואס איז פארשריבן, ווי זיין פאמיליען נאמען איז גיווען "סאמבער" און נאך א זון מיטן נאמען "סאמבירער" - מאכט מען פון אים 2 זין, סאלדאטן. און ער ליידט נעבאך שטארק דערפון ווייל ער האט נאר איין זון. מיט וואס פאר א כבוד האב איך מיין רבין אויפגענומען ביי מיר אין געשעפט! איך בין מיט אים געגאנגען אין סטאראסטווע. דארט האב איך פארזיכערט, אז "סאמבירער" און "סאמבער" איז איין מענטש. איך האב נאך ביי ד"ר שומסקי אפגעארבייט מ'זאל דעם זון באפרייען פון דינסט. איך רעכן דאס אלס פאר א גרויסן זכות פאר מיר!

איינ ווי נעמט מען די יונגע יארן?! לאמיר "טראכטן יונג" און טאקע בעטן אויף יארן, וועט מען נאך שרייבן.



פייגע

## דוד האפשטיין ז״ל - פון די הרוגי מלכות אין ראטנפארבאנד - 1952

דעם 12-טן אויגוסט ווערט 25 יאר זינט אין ראטנפארבאנד זענען אומגעבראכט געווארן די בעסטע יידישע שרייבערס און קינסטלער: דויד בערגעלסאן, דער נסתר, דויד האפשטיין, פרץ מארקיש, לייב קוויטקא, שמואל האלקין, איציק פעפער, בנימין זוסקינד און אנדערע.

מיט דעם אקט איז פארענדיקט געווארן די ליקווידאציע פון דער יידישער קולטור אין ראטנפארבאנד, וואס האט זיך אנגעהויבן א סך פריער. די אקטאבער-רעוואליוציע פון יאר 1917 האט ארויסגערופן גרויסע האפענונגען בא די יידן אין רוסלאנד. מע האט געמיינט, אז ס׳איז געקומען די פרייהייט און גלייכבארעכטיקונג אויך פארן יידישן פאלק. אבער אינגיכן האט זיך דערפילט דער דרוק פון רוסיפיקאציע. שפעטער האט מען אנגעהויבן פארמאכן די יידישע שולן, טעאטערן און אנדערע קולטור-אנשטאלטן. צווישן די קרבנות פונעם סטאליניזם אין די 30-סטע יארן איז א באדייטנדיקער טייל געווען אויך יידן. די יידישע שרייבערס, לערער און קולטור-טוער זיינען פאקטיש געווען אין דער זעלבער לאגע ווי די אנוסים אין שפאניע צוריק מיט 600 יאר. פארמעל זענען זיי געווען פאר דעם רעזשים און צומאל אים אפילו געלויבט, אבער זייער מי און פיין איז געווען א נאציאנאלער - לא אמות, כי אחיה!



פייגע ביברמן מיט איר מאן דוד האפשטיין ז״ל
קיעוו, 1939.

דער באַוווּסטער יידישער דיכטער דוד האָפּשטיין - איינער פון די קרבנות - איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1889 אין קאָראָסטישעוו, קיעווער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען אַ וואַלדהאַנדלער, אַ ייד אַ למדן. ביז ניין יאָר האָט דוד געלערנט אין חדר. שפּעטער רוסיש און העברעיש ביי פּריוואַטע לערערס, געלערנט אין קיעווער קאָמערץ-אינסטיטוט. אָנגעהויבן שרייבן לידער אין העברעיש. זיין ערשטער בוך אין יידיש "ביינוועגן" איז דערשינען אין קיעוו אין יאָר 1919. אין די צוואַנציקסטע יאָרן האָט ער פאַרעפנטלעכט עטלעכע לידער-זאַמלונגען. האָפּשטיין איז געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. גענומען אָנטייל אין קיעווער פאַרלאַג "קולטור-ליגע", געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פונעם זשורנאַל "שטראָם". אין יאָר 1924 האָט האָפּשטיין אונטער-געשריבן דעם באַוווּסטן מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג קעגן די רדיפות אויף העברעיש. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון שרייבערס און קינסטלער האָט אים שאַרף פאַראורטיילט פאַר דעם דאָזיקן "טאַט".

★★★★★★

אין יאָר 1925 איז דוד האָפּשטיין צוזאַמען מיט זיין פרוי פייגע ביבערמאַן געקומען קיין ארץ-ישראל. אין משך פון דעם יאָר, וואָס ער איז דאָ געווען האָט ער געשריבן העברעישע לידער, אַרטיקלען, זכרונות וועגן בירגער-קריג אין רוסלאַנד, אָנגעשריבן אַ פּיעסע "פּורים-שפּיל", זיך געדרוקט אין דער ארץ-ישראלדיקער פּרעסע: "דבר", "הארץ", "הדים" א.א.

פון יאָר 1926 איז האָפּשטיין אין ראַטנפאַרבאַנד. ניט איין מאָל געהאַט סיכסוכים מיט דער "יעווסעקציע" פאַר די נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין זיין שאַפונג.

... אַרעסטירט געוואָרן דעם 16-טן סעפּטעמבער 1948.

מיר געבן דאָ צוויי לידער פון דוד האָפּשטיין. די העברעישע ליד איז געדרוקט אין ערשטן נומער פון "דבר", תל-אביב, ט' סיון תרפ"ה, 1 יוני 1925.

הגות לבי, תוגת רוחי - מה הן?   נקיי כפים, זכי לבב.
(לו רק תהיינה לעמל שעשועים!)   עולים בהר, במקום קדשו עומדים,
בכל תבת גאו פה - אוור היגש בן,   כותלים חרבות לאותים.
וכל לבנה - בית געגועים.   זנחים שורו הקרב...

☆☆☆☆☆☆☆☆☆

אך זכרוננו - בור סיד
אל נא נשכחה:
תבל היא חזית!

בכה...



דוד הופשטיין.

# פֿון ציקל „תּפֿילות"

(1942)

כ'האָב קיין מורא ניט פֿאַר ליידן,
כ'ווייס זיי, כ'קען זיי אַלערליי.
האָסט געשענקט מיר דורכע פֿריידן
אויך פֿון זיי, אויך פֿון זיי!
ווייסט, אַזויפֿיל שווערע קרעפֿטן
האָבן ברעקלען מיך געוואָלט,
כ'האָב אויף שמעלצן און אויף העפֿטן
אויסגעבראַכט דאָס בעסטע גאָלד...
ווי פֿיל שטורמען אויסגעשטאַנען!
ס'האָט צעווייט און ס'האָט צעשטויבט —
אויף רואינען כ'בין געשטאַנען,
כ'האָב געהאָפֿט און כ'האָב געגלויבט,
און אין ווירבל און אין שטורעם
אויסבאַהאַלטן און פֿאַרהיט
די פֿאַרמעסטונג פֿון מײַן אָרעם
און דעם שווונג פֿון מײַן געמיט...
מיט מײַן גאַנצקייט, האַר פֿון לעבן,
וואַרף אַרײַן מיך אין דעם תּהום:
אויך דער תּהום אַ וועג זאָל געבן
פֿאַר מײַן איינהייט, פֿאַר מײַן שטראָם!



הבנים: מימין לשמאל: הוכגלרנטר, קסלר יצחק, פרלמוטר,
גלוזמן, פודקמינר , וינשטיין א.



הבנות: מימין לשמאל יושבות:
1. אסתר לאנדס. 2. גלוזמאן-בת חיה. 3. נתן גארינשטיין.
4. גלוזמאן אליעזר. 5. סנדרוביץ' ביילקה. 6. מלכה פלדמן.

עומדות: 1. פלדמן רבקה. 2. סנדרוביץ רחל. 3. קוטשר פנינה.
4. סקולסקי בריינדל.

א. גלוזמאן

## יוגנט קרייזן אין קרעמעניץ

איך וויל זיך דא טיילן מיט אייך מיט אביסל זכרונות פון אונדזער קרעמעניצער יוגנט. פארשידענע פארמען האבן געשאפן אונדזער יוגנט, כדי צו געפינען די מיטלען פאר ענטוויקלונג און פארוויילונג קרייזן זענען געגרונדעט געווארן, ניט קיין גרויסע, מיט טיפן אינהאלט, און שטארקן ווילן פון וויסן, לערנען און קריגן א ענטפער אויף די פראבלעמן, וואס האבן אויפגעוועקט דעם אינטערעס און באציבערונג.

פון אפאר אזעלכע קרייזן - וואס איך אליין האב געהאט די געלעגנהייט און פארגעניגן צו זיין א מיטגליד - אביסל זכרונות. איינע פון די פילע קרייזן איז געווען דער ליטערארישער קרייז אויף דעם נאמען פון י.ב. לעווינזאן, וואס האט זיך פארזאמלט איין מאל אין וואך אין הויז פון טשערעפאשניק און שטודירט די יידישע ליטעראטור: שלום עליכם, מענדעלי, פרץ, נאמבערג און אש א.ז.וו. די פארזאמלונגען זענען געווען ערנסטע און פינקטלעכע. קיינער פון די מיטגלידער האט זיך ניט געקענט דערלויבן דורכלאזן א טאג פון דער באשטימטער צייט. חברשאפט און פריינטשאפט האבן געערשט אין דעם קרייז. די מערהייט פון די מיט-גלידער זענען פארבליבן געטרייע חברים אויף זייער גאנצן לעבן. די ברודער ליבערמאן, כץ, שיכמאן (קויפמאן) טשערעפאשניק, גלוזמאן, פערעלמוטער, וויינשטיין, דאס זענען נאר א קליינע צאל פון מיטגלידער, וואס זענען געבליבן אין זכרון. א באזונדער כאראקטער האבן געטראגן די קרייזן, וואס זענען געווען נאר פון איין מין-בחורים באזונדער און בחורות באזונדער. די מיינונג האט געהערשט אז די בחורות וועלן אריינטראגן ניט קיין ערנסטע אטמאספער. דאס לעבן האט דאך געוויזן, צו דער אלגעמיינער באפרידיגונג, אז מען האט געלעבט אין א טעות.

דער צווייטער קרייז איז ענטשטאנען מיט דער איניציאטיוו פון יונגע מיידלאך, וואס האבן ניט געהאט די מעגלעכקייט צו לערנען אין די מיטלשולן ביי אונדז אין שטאט. די הויפט איניציאטארן זענען געווען די שוועסטער סענדערוויץ, טעכטער פון פעטריקאווער רב, די שוועסטער פעלדמאן און קוטשער. זייער טעטיג אין טעכנישער אויספירונג איז געווען א יונג מיידל, סקולסקי און חיה באט אלס אנפירערן. די קליינע גרופע האט ניט געהאט קיין גרויסע ידיעות אין ליטעראטור, באזונדערס יידישער. האט מען זיך מיט גרויס אינטערעס אין יוגנטלעכן

ענטוזיאזעס געגומען לערנען און וויסן. אין א קורצער צייט האט זיך דאס פארמירט אין איינע פון די ערנסטע קרייזלאך. לאנגזאם האבן מיר זיך אנגעהויבן פארנעמען מיט געזעלשאפטלעכע און פאליטישע פראגן. און דאן קומט דער צווייטער עטאפ "החלוץ הצעיר" וואס האט געבראכט דערצו, אז כמעט אלע מיטגלידער פון קרייז זענען עולה געווען קיין ישראל און געבויט דארט זייער צוקונפט.

איינער פון די וויכטיקע יוגנט קרייזן איז געווען פון די תלמידים פון דער האנדלס מיטל-שול (קאמערטשעסקאיע), וואס פלעגן זיך פארזאמלען אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. צו דעם קרייז האבן געהערט די ברודער גאלדענבערג, ראבינוביץ, גינדעס, גארינשטיין, פרישבערג, גלוזמאן, ראזענפעלד, נחמן ביבערמאן א.א. אויך דער קרייז איז געווען בלויז פון תלמידים און ניט געוואלט אנשליסן מיידלאך, צוליב דער זעלבער סיבה וואס איך האב שוין אנגעצייכנט. זיי האבן געזוכט פלענער פאר פאליטישער און געזעלשאפטליכער ארבעט און אויך געשטרעבט צו קריגן תשובות אויף די פראגן, וואס האבן אין יענער צייט אינטערסירט און פארנומען די יוגנט. די פראגראם איז ניט געווען קיין באשטימטע, ווייל ס'האט אונדז געפעלט אן אנפירער מיט וויסן און דערפארונג, אז ער זאל קענען אנפירן דעם קרייז.

א קארדינאלע ענדערונג איז געקומען מיט דעם אנשליסן זיך פון חנה גורביץ, וואס איז געקומען צו אונדז קיין קרעמעניץ, אלס א טאכטער פון פליכטלינגע אין דער צייט פון בירגער קריג. זי איז געווען א סטודענטן פון קיעווער אוניווערסיטעט, וואס האט איבערגעריסן איר שטודירן צוליב דעם בירגער קריג. זי האט באזיצט א שיינע יידישע שפראך מיט קענטענישן אין דערפארונג אין געזעלשאפטליכע און פאליטישע פראגן, באזונדער פון דער ציוניסטישער באוועגונג, א מענטש מיט נסיון און וויסן ווי אזוי זיך צו באגיין מיט 18-17 יעריקע יוגנטלעכע. זי האט מיט איר פערזאן, באלד נאך איר ערשטער באגעגעניש מיט אונדזער קרייז, אונדז אלעמען באצויבערט און שטארק אויף אונדז געווירקט. א דאנק איר האט מען געבראכן דעם פרינציפ פון קרייזן פון איין מין, צו דער צופרידנהייט פון ביידע צדדים.

אין איינעם פון די צוזאמענטרעפן פון קרייז איז זי דערשיינען און געווענדעט זיך צו אונדז מיט די ווערטער:
"איך בין געקומען צו אייך לויט מיין איגענער איניציאטיוו. איך וויל אייך העלפן און צוזאמען מיט אייך שטודירן און לערנען וואס אייך אינטערעסירט. איך האב געהערט, אז איר האט ארייננגעווארפן אין חרם די בחורות פון אייער עלטער. דאס איז לויט מיין מיינונג א גרויסער אבסורד און מיט דער צייט וועט איר דאס

ענדערן. דערלויבט מיר זיך באטייליקן אין אייער קרייז". זי האט אונדז שטארק פאראינטערסירט און מיר האבן מסכים געווען אריינעמען זי אלס מיטגלידערן פון קרייז. מיט דער צייט האט זי פאר אונדז אויסגעארבעט א פראגראם פון לעקציעס און רעפעראטן. יעדער חבר האט געמוזט אליין צוגרייטן א פארלעזונג אויף א טעמע, וואס זי האט פארגעלייגט. זי האט געהאלפן צוגרייטן טעזיסן און מקורות צום רעפעראט, נאכער זיך פארנומען מיט פראגן און אויספירונגען פון דער פארלעזונג.

כדאי צו דערמאנען אן אינטערסאנטן קוריאז, וואס אין פארבינדן מיטן אויספירן פון דער פראגראם. די לעקציעס וואס יעדער איינער פון די מיטגלידער פון קרייז האט פארגעליינט זענען פארגעקומען אין רוסיש, ראשית איז זייער קענטניש אין יידיש געווען זייער באגרעניצט ושנית האט א גרעסערער טייל פון זיי גערעדט נאר רוסיש. אויך די קוועלן, מיט וועלכע זיי האבן זיך באנוצט, זענען כמעט אויסשליסליך געווען אין רוסיש. אזוי ווי צו יענער צייט זענען די ציוניסטישע אנשטאלטן אין שטאט נאך ניט לעגאליזירט געווארן דורך די פאליאקן, האט אונדז דער ציוניסטישער קאמיטעט ניט דערלויבט צו פירן אונדזער טעטיקייט אין זייער לאקאל, ווייל די דערלויבעניש איז געגעבן געווארן אנצוהאלטן דארט נאר א ביבליאטעק. האט מען דערום אפגעהאלטן די לעקציעס אין איינעם פון די פארווארפנסטע ווינקעלאך פון דער "ווידזמקע". איינמאל האט מען דעם דירעקטאר פון דער "קאמערטשעסקאיע אוטשילישטשע" איינגעלאדן צו דער סטאראסטווע און אים געמאלדן, אז זיינע שילער פירן דורך געהיימע פארזאמלונגען אויף די בערג. די געהיימע אגענטן, וועלכע האבן די טעטיקייט נאכגעפאלגט, זענען ווייזט אויס באזונדערס באאיינפלוסט געווארן דורך דעם רוסיש, וואס מיהאט זיך אויף די לעקציעס באנוצט. מאנוס און זיין ברודער ליאווע, ע"ה זענען ארויסגערופן בעווארן צום דירעקטאר און ער האט שטרענג באפוילן מיזאל אויפהערן די טעטיקייט, און געגנזאץ דראט די מאכט צו פארמאכן די שולע. פארשטייט זיך, אז מהאט די טעטיקייט דורכגעפירט, אבער אויף אנדערע פלעצער. דער קרייז האט געפירט א זייער ערנסטע און וויכטיקע ארבעט. מיר האבן זיך פארנומען מיט פראגן פון אנטיסעמיטיזם, אסימילאציע אחד-העמיזם און א.וו.

חנה גורוויץ האט זיך, א דאנק אונדז, באפריינדעט מיט דער ציוניסטישער יוגנט פון אונדזער שטאט און איר חלק אין דער ענטוויקלונג און טעטיקייט פון דער יוגנט בא אונדז אין שטאט, באזונדערס פון "השומר הצעיר", איז א גאנץ בכבודיקער. דער בעסטער באווייז פון אט דער פריינטשאפט איז אויך דאס, וואס זי האט חתונה געהאט מיט איינעם פון די מיטגלידער פון קרייז, מאנוס גאלדענבערג, און געקומען מיט אים קיין ארץ-ישראל, ווי זי'לעבן מיט זייער משפחה און עלטערן זיך בכבוד.

מ. גאלדענבערג

# איף מיין זידנ'ס טרעפ - די ערשטע וועלט מלחמה

(המשך פון "קול יוצאי קרמניץ" י"א)

נאך דער בלוטיקער טראגעדיע, וואס האט זיך אפגעשפילט אויפן וואקזאל, זיינען די איזוואזטשיקעס געזעסן פאכמורעטע, מ'האט קום גערעדט איינער צום צווייטן. אפילו שימעלע פויקער האט אויף פיל פארקלענערט זיין פויקן. און משה שעבע האט אויף פיל אראפגענידערט זיין פאנפן. די פרחי כהונה, די זין און אײדעמס פון די עלטערע איזוואזטשיקעס, האבן אויפגיהערט זייערע שטופערייען. ווען ס'איז אצינד פארבייגעגאן א גלח מיט זיין לאנגער זשופיצע, האט מען אים ניט אנגעטשעפעט שטילערייט, ווי געווענליך, א לאנגן פאפירענעם עק, ער זאל מיט אים ארומגיין צווישן די קלייטן און ארויסרופן דאס געלעכטער פון די קרעמער און די זעלטענע פארבייגייער אין די לאנגווייליקע, הייסע זומער טעג. און נאך א רעגן האבן חברה אצינד ניט אין זינען געהאט אויף שנעל אוןן אומבאמערקט אנצוציען א שטריק פון איין טראטואר ביז צום צווייטן, ווען ס'איז נאענט צוגעקומען א געארעמט, חתן-כלה פארל, כדי זיי זאלן זיך פארטשעפן און ביידע אויסציען זיך אין דער בלאטע מיט זייערע שפאגל-ניי קליידער. ס'האבן זיך דאן געהאלטן בא די ביינער די לעבעס-לוסטיקע יונגען און אויך זייערע מיושבדיקע עלטערן. אויך די אנדערע שטיפערייען, מיט וועלכע זיי זיינען אזוי רייך געווען, זענען נישט מער אנגעווענדעט געווארן דורך זיי.

אצינד האט אן ערנסטקייט געהערשט אויף דער "בירזשע". פון מויל צו אויערן האט מען איבערגעגעבן וועגן די באאומרואיקנדע סימנים, וואס זאגן אן א נאענטע מלחמה: פלעקן אויף דער לבנה; די קאמעטע, וואס האט זיך דערנענט צום ערד קוגעל און האט געדראעט אים פארניכטן מיט איר פייערדיקן עק. צו די יושבים פון די טרעפ זיינען דערגאנגען קלאנגען דורך פאסאזשירן, "וואס ליינען גאזעטן", וועגן די געשפאנטע באציונגען צווישן ניקאלאיען און פראנץ-יאזעפן. ס'האט לאנג ניט געדויערט און די סימנים האבן אנגעהויבן זיך בארעכטיגן. דעם נעכסטן זומער איז קיין קרעמעניץ אנגעקומען א פאלק ארטילעריע אויף איבונגען אויף די ארומיקע בערג. אויף איינעם פון אזעלכע

איבונגען זיינען דערהרגעט געווארן 2 סאָלדאטן, ווען זיי האבן זיך צוזאמען מיט איין הארמאט אראפגעקאטשעט פון דעם "טשערטשע" בארג. דאס זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון דער ערשטער וועלט מלחמה, וואס איז אויסגעבראכן אין צוויי חדשים נאך דעם טרויעריקן פאל. געקומען איז א סוף צו א לאנגער תקופה פון שטילע, רואיקע יארן און באזונדערע אויפטרייסלונגען אין דער סביבה אונדזערער.

איינמאל, אין א נעפלדיקן פארטאג, איז, טריט ביי טריט, אריינגעפארן אין איינעם פון די שטאלן צווישן די הייזער פון די אזוואזטשיקעס אן איינגעשפאנטערט פאיעטאן מיט א לעדיקער קאזלע. מ'האט אין אייניקע שעה ארום געפונען דעם איזוואזטשיק א דערהרגעטן לעבן די קאזארמעס פון יאקוטסקי פאלק. דאס הארצ-רייסנדע יאמערן פון זיין ווייב און קינדער זיינען דערגאנגען עד לב השמיים. ס'האבן זיך אין אייניקע מאנאטן ארום אויף דעמזעלבן פלאץ געהערט נאך אזעלכע קלאגערייען, ווען ס'זענען צו אנדערע ווייבער אנגעקומען די וויסטע בשורות וועגן טאטעס און זין, וואס זענען געפאלן אויף די שלאכט - פעלדער פון גאליציע אדער פרייסן.

און ווען ס'זענען אנגעקומען ביז דער איקווע, אויף מלך'ס בריק, און סאפאנאוו, די אנגרייפנדע עסטרייכער, און די לעצטע אפטיילונגען, פון די אין-פאניק אנטלויפנדע רוסישע כוחות, האבן זיך פארהאלטן אף דער גרעניץ פון דער דובנער-ראגאטקע, איז די מלחמה אנגעקומען הארט ביז די שוועלן פון די איינוואוינער. באטאג און באנאכט האט ניט אויפגעהערט דאס קלאפן פון די שווערע קוילנווארפערס און דעם ווייטע דונערן פון די הארמאטן. און ווען ס'איז צוגעפאלן די נאכט, איז דער האריזאנט געווען רויט פון שרפות. ס'האבן געברענט די דערפער ארום, די קאזארמעס, די מילן און נאך פארשיידענע מיליטערישע און ציווילע אביעקטן, צווישן זיי דער וואקזאל. די באן-ליניע איז אויפגעריסן געווארן. דער איינציקער כמעט, קוואל פון פרנסה פון די איזוואזטשיקעס איז אזו ארום פארשטאפט געווארן. אלע מלוכעשע און מוניציפאלע אמטן ווי אויך אלע שולן זענען עוואקוירט געווארן. ס'איז ניט געווען וועמען אין שטאט צו פירן, חוץ שיכורע אפיצירן. דאס איז פארבונדן געווען מיט סכנות נפשות. איינער פון די איזוואזטשיקעס איז געהרגעט געווארן, ווען ער האט, ווי אנדערע, געבראכט די אפיצירן ביז צו די רוסישע אקאפן.

אז אזוי ארום איז זיך צופאלן דאס לאנגיעריקע, לעבּענסלוסטיקע און זארגלאזע איזוואזטשיקעס פאך. פאריתומט זענען געבליבן די טרעפ. מ'האט מער ניט געהערט די געלעכטערס, די גאר הויכע לאנגע געגעצן פון די, וועלכע פלעגן ניט געגוג שלאפן אין די נעכט, צוליב די שפעטע אין גאר פריע פאיעזדן.
ערשט נאך דער רעוואליוציע און נאך דעם באנייען פון דער באן, האבן די איזוואזטשיקעס ביסלעכווייז זיך אנגעהויבן צוריק אומקערן צו די טרעפ, צו דער "בירזשע". גאר אנדערש ווי תמיד זעען מיר זיי אין דער צייט פון בירגער קריג און בשעת דער הערשאפט פון די פאליאקן, אבער וועגן דעם אין א ווייטערדיק קאפיטל.



דוזיה רובינפילין-פדרמן, פרדס-כץ

## קווים לדמותו של פרופ' אופולסקי

בין צוות המגוון של המורים ב'ליצעאום' הצטיין במראהו החיצוני, בלבושו, בהשכלתו, ובגישתו לזולת, פרופ' אופולסקי - בן של משפחת אצילים בעלי אחוזות. הוא עזב אותם, התחתן עם בת כפר יפה ועבר לגור וללמד בקרמניץ. את הילדים שלו גידל ברוח של דמוקרטיה אמיתית.

שנות 38-36, בזמן שכל נאומיו של היטלר היו מבשרים את האסון העתיד לבוא לכל העמים וליהודים בפרט, הוא אופולסקי היה היחיד בין כל המורים, שהיה לו עוז להסביר ולשוחח עם כל התלמידים בין כותלי הליצעאום על כל המאורעות העתידים לבוא, והנוער שאף להיות במחיצתו ולשמוע את פרשנותו על כל הדברים האלו.

חודשים ארוכים עבדתי במחיצתו במעבדות הביאולוגיות של הליצעאום שהיו מאוד משוכללות הודות לעבודת הנמלים שלו באיסוף החומרים, היתה לי גישה לספרות על נושא ביאולוגיה בעד-תשלום, והתשלום היה - החלפת המים באקווריום בימי החופש מהלימודים.

גרתי עם ההורים שלי בסוף רחוב סלובצקי. שם על יד הפארק של הליצעאום עמד בית קטן, כולו טבוע בירק של משפחת אופולסקי. הייתי אצלם בת-בית. התידדתי עם הילדים שלו, הבנות גרזינה ודנוטה, הבנים מציעק וויטעק. היה זה בית פתוח בשביל הרבה אנשים עניים ובפרט עניים מבני עמנו. למרות שהוא היה חי ממשכורת צנועה, היה תומך בסתר במשפחות שלמות, ובפרט בילדים עזובים. בחופש הגדול, כשהיה עוזב את קרמניץ והיה עולה לסייר בקרפאטים, אף פעם לא שכח להשאיר לבת שלו גרזינה תמיכה כספית בשביל אלו שהיו תחת חסותו.



בזמן הפרעות בטכניון בלבוב, כתוצאה מאנטי-שמיות, ההולכת וגוברת, תמיד עמד ותמך בצד הנוער היהודי הלומד ולוחם בעד זכויות אזרחיות שוות לסטודנט היהודי, והאמין באנושות יותר טובה.
כשהגרמנים נכנסו לקרמניץ, לקחו תיכף אותו ואת הנוטריון גורצקי בתור ערבים.

תרגם מפולנית ומסר לדפוס - יהושע גולברג.

מרדכי כ"ץ (בואנוס אירעס)

## די אלטע באד (פראגמענט)

אין פאדערשטן צימער, גלייך ביים אריינגאנג פון דער באד, ווו די יידן פלעגן זיך אויסטאן און אנטאן, האט יעדער איינער, פארן אנטאן זיך, אויסגעטרינקען א שטארקע גלאז סאדע-וואסער און פלעגט דערביי געמיטלעך שמועסן וועגן אלע בייעסן, וואס זענען זיך פארלאפן די גאנצע וואך.

מרדכי חיים יאס (יאסל), וועלכער פלעגט פארקויפן די סאדע וואסער מיט "יערזקעס" (א געשמאק צוקערל), פלעגט זיצן אויבן-אן, באלד ביים אריינגאנג מיט א גרויסן קופערנעם באלאן סעלציוואסער און אויך מיטשמועסן וועגן אלע "פאטשטן" פון קרעמעניץ און אומגעגענט. דערביי האט ער ליב געהאט אריינ-צוווארפן אן אייגענע פאלקס-חכמה. מרדכי-חיים יאס, וואס איז געווען דער בית-הקברות-ייד און האט טאקע געוווינט אויפן פעלד, נישט אנטקעגן נאכט גידאכט, בשכנות מיטן "טויטן-שטיבל", דערפאר האט ער גאר קיין מורא געהאט און פלעגט אפלאכן פון די אלע איבערגלייבישן און קלאנגען, אין יענער צייט, ווען אין קרעמעניץ האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז עס גייט ארום ביינאכט א"טשארנע דאמע". מרדכי חיים יאס, פלעגט א זאג טאן מיט א געלעכטער צום ערשטן בעסטן גביר אין מרחץ:
"דו ווייסט, די "טשארנע דאמע" איז יענע נאכט געווען ביי מיר און מיך געבעטן איך זאל צוגרייטן פאר דיר א טרוקן שטיקל ארט".

אין באד זיענען אלע יידן גלייך. מען דערקענט נישט ווער ס'איז ארעמער צו רייכער. כמעט אלע יידן אויף לשון "דו" - מען איז פארברידערט. עס טרעפט גאנץ אפט, אז די באד איז איבערפולט מיט מענטשן און עס פעלן דאן אויס שעפעלאך צום וואשן זיך, דאן לייט-אויס איינער דעם צווייטן א שעפעלע אפצוגיסן זיך. אזוי ארום כאפט מען אריין א מצווה אין מיטן דער באד.

פון אלע אינטערעסאנטע שמועסן דארט איז מיר פארבליבן דער פאלגענדיקער:

דאס איז געווען באלד נאך דער רוסישער באלשעוויסטישער רעוואלוציע פון 1917, ווען טראצקי איז געווען דער קריגס-קאמיסאר. איין ייד זאגט: "ווען נישט טראצקי, וואלט סטאלין געווען גארנישט מיט גארנישט" - "וואס דען?" - כאפט אונטער א צווייטער - "א יידיש קעפעלע !" - "איי-איי-איי - רופט זיך אן א אלטיטשקער - "כ'וואלט וועלן דערלעבן כאטש צו זען וואס וועט זיין דער סוף!" -

"וואס הייסט - רייסט אים איבער דער ערשטער - לייבעלע טראצקי וועט אויסלעזן די גאנצע וועלט און דאן וועט קומען משיח, טאקע ווי עס שטייט געשריבן "כולו זכאי". סענדער פון די גענדז גיט זיך האסטיק א שטעל אויף פון זיין פלאץ און גיט א דונער איבער דער גאנצער באד: "א שיינער משיח, לייבעלע טראצקי, אזא יאר אויף אים. כל-זמן איינער האט א סך און א צווייטער גארנישט, קען די וועלט זיך בישט אויסגלייכן". "אט-אט, דאס איז עס טאקע" - רופט זיך אפ דער ערשטער ייד - "דאס געלט וועט מוזן אונטערגיין, אויס געלט". - "וואס הייסט"- פרעגט דער אלטיטשקער - "וו איז עס מעגלעך?" - "מען וועט זיך בייטן - שרייט דער ערשטער ייד - למשל: א שניידער וועט געבן א קאסטיום דעם שיסטער, וועט ער קריגן דערפאר א פאר שיך". "און די" - ווענדעט ער זיך צו סענדערן - "אויב די וועסט וועלן קויפן א ברויט, וועסטו מוזן ברענגען א גאנדז", - "אזוי" - שרייט נאך העכער סענדער - "און וואס וועט דיר געבן דער גוי מיט די וואנצעס, וואס פירט בייגאכט די פעסער מיט, כ'בעט דיך איבער.... אין פאטעק אריין?" אלע שיסן אויס מיט א גרויס געלעכטער....

"ביסט געראכט, סענדער" - זאגט מרדכי חיים יאס: "כ'וואלט א בעלן געווען צו פרעגן די דאזיקע שאלה לייבעלה טראצקין!"....

ביסלעכווייז ווערט די באד לידיק, ווייל די יידן, אויסגעפארעטע און ריינע, אילן זיך אהיים אויפצונעמען דעם שבת-קודש.

אברהם חסיד

## י ה ו ד י ם  ב ו ו ה ל י ן  נ א ח ז י ם  ב ח ק ל א ו ת

במלכות פולין שלפני חלוקתה האחרונה, בשנת 1795, גרו יהודים רבים, שנמלטו אליה ממערב אירופה, מחמת רדיפות נוסעי הצלב, ובתקופה יותר מאוחרת, מחמת גזירות אכזריות של השלטונות. הם הת פרנסו ממכירת בתי המזיגה של הפריצים, אשר סיפקו משקאות לאכרים וגם לבעלי האחוזות, שחיו חיי הוללות. מיעוטם עסק גם בעבודת אדמה.

לאחר כיבושם של אזורי ווהלין ופודוליה ע"י רוסיה, בימי יקטרינה הגדולה, אשר הכריזה שאינה רוצה בשום שרותים מאת "אויבי ישו" - גזרה המלכות גזירות קשות על היהודים, שישבו באיזורים אלה, ובמיוחד ידוע חוק 1804, שנחקק בימי שנות מלכותו הראשונות של אלכסנדר ה-1. הוא גזר על גרוש כל היהודים מהכפרים ואסר איסור חמור על עיסוקם בעבודת האדמה. אולם למרות הגזירות החמורות, נשארו יהודים בודדים בכפרים בזכות קשרים מיוחדים עם פקידי השלטון או ע"י עקיפת החוק בדרכים שונות. בתקופת הפוגרומים ברוסיה הדרומית, הידועה בדברי הימים, כתקופת "סופות בנגב", חודשה הגזירה ע"י המיניסטר הצורר, איגנטייב, שאסרה על היהודים, שנמלטו מהפוגרומים, להתיישב בכפרים, בהכריזו שהמערב פתוח לפניהם. רק היהודים אשר נמצאו בכפרים מלפני שנת 1882, הורשו להישאר בהם. אולם התקנה הזאת לא כובדה ע"י השלטונות המקומיים, ויהודים רבים גורשו באכזריות מן הכפרים. ידוע לי על שני מקרים שבהם ישבו יהודים בכפר באורח חוקי והורשו להחזיק באדמה ולעבדה.

1. בכפר דרגני שבמחוז קרמניץ גרה משפחה יהודית, שכינוה בשם פציוקים וברשותם היה שטח אדמה שעיבדוהו כמו יתר תושבי הכפר. הם היו נודעים בקרמניץ כספקים של תוצרת חלב, שהיו מביאים העירה מידי יום ראשון בשבוע. וכיצד הגיעה אליהם הזכות הנדירה הזאת שמעתי ספור מרי משה פייר ז"ל. וכך היה המעשה: בראשית שנות החמישים של המאה ה-19 יצא הקיסר ניקולאי ה-1 לסיור באיזור ווהלין. תוך סיורו הוא הגיע עם פמלייתו לסביבה שבקרבת הכפר דרגני. העונה היתה עונת הסתיו. הדרכים היו משובשות בבוץ דביק, והמרכבה שבה נסעו הקיסר ופמלייתו שקעה בבוץ ולא היה לאל ידם להמשיך במסע. נזדמן במקום אחד מאבות הפציוקים אשר הזעיק עוד אכרים, ובעזרתם הוציא את המרכבה מהבוץ ואפשרו לפמליה להמשיך בדרכה. לאות תודה והוקרה נתן הקיסר לפציוק כתב ציון לשבח עבור המעשה האדיב. "צל"ש" זה היקנה למשפחת הפציוקים ולצאצאיהם אחריהם את הזכות לדור בכפר, להחזיק בבעלותה אדמה ולעבדה. מסופר עוד, שבעברו את קרמניץ ביקר הקיסר במפתיע את הסופר ריב"ל שעמד בחליפת מכתבים עמו, וכשהיכירו - בירך את הברכה המסורתית "ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם".

והמקרה השני, כמסופר להלן: באיזור הסמוך לגבול מחוז אוסטרוג היתה אחוזה גדולה בבעלותה החוקית של משפחה יהודית, שהיתה ידועה בשם מרקוס. כיצד הגיעה משפחה זו לבעלות על האחוזה, סיפר לי אבי ז"ל, והמעשה כך היה: סמוך לאותה אחוזה התגורר יהודי בשם מוטי מרקוס, שפרנסתו היתה על מכירת

אדמות מאת בעלי האחוזות בסביבה. באחד הימים הופיע בכפר, שבו גר ר' מוטי, קצין צבא רוסי בדרגת פולקובניק שהתעניין בתולדות הכפר ובתושביו. לאחר היכרותו עם משפחת מרקוס התברר, שקצין זה היה מבין הקנטוניסטים, והוא נחטף בהיותו נער צעיר, נמסר לצבא והוא אחיו של ר' מוטי. בצבא הוא נטבל לנצרות. ובהיותו נער מוכשר הוא עלה בדרגת הפקוד והגיע לדרגת פולקובניק. אולם בשארה בו זיקה ליהדות וקיננו בו געגועים למורשתו ומכורתו היהודיים. ואכן לאחר חיפושים וחקירות מרובים, הוא גילה את משפחתו אשר ממנה נגזל והתקרב אליה. הוא היה מתארח שם לעתים קרובות, היה משוחח עם הילדים, והביע את דעתו בשבחה של הדת היהודית. הוא היה מאיץ בהם שיקיימו את מצוות דת ישראל, קלה כחמורה, ובמיוחד הקפיד על כך שיקיימו את התפילות באמרו: "מוליטעסי", התפללו. בהיותו בעל אמצעים הוא רכש אחוזה בקרבת הכפר ומינה את אחיו, מוטי, למנהלה. באחד הימים בשהותו בבית אחיו אחזו השבץ והוא נפטר במקום. אצל ר' מוטי נתעוררה הבעיה של טקס הקבורה. שאלו אצל הרב והלה פסק, שחובה על אחיו ללוותו לבין עולמו. הלך איפוא ר' מוטי אחר ארונו של אחיו בלווית הכמרים, כשהם שרים מזמורי השכבה פרבוסלביים, וכובעו בידו. מאחר שר' מוטי הוכר כיורשו היחיד של הפולקובניק, עברה האחוזה לבעלותו בהתאם לחוק, אשר היה מקנה את זכות הירושה של נכסי דלא ניידי גם ליהודים. וזכות זו היתה עוברת גם לדורות הבאים אחריהם.

לאחר מותו של ר' מוטי עברה האחוזה בירושה לבנו יוסף חיים, אשר גר באחוזה והיה נוהג מנהג אצילות כבעל אחוזה ("פומעשצ'יק") לכל דבר.

עם קביעת הגבולות בין רוסיה הסובייטית ובין פולין, לפי הסכם ריגה, בשנת 1920, נמצאה האחוזה בשטח הרוסי. יוסף חיים היגר לשטח הפולני כפליט. זכורני שהוא התארח בביתנו, כשהשתתף בכנס בעלי האחוזות שתבעו פיצויים מאת הממשלת פולין עבור רכושם, שנמסר לממשלה הסובייטית. למרות הגזירות נמצאו יהודים לא מעטים שנאחזו בחקלאות דור אחר דור, ואף הגיעו לדרגת בעלי אחוזות גדולות.



לייב ביבערמאן ז״ל

# בריוו פון א חלוץ אין די יארן

1930 - 1926

ספעטעמבער 1926

... היינט בין איך אליין געגאנגען קיין יפו צו דער מעדיצין-קאנטראלע און בין פארבלאנדזשעט געווארן. איך דארף אייך זאגן, אז תל-אביב האט זיך ניט וואס צו שעמען פאר אנדערע גרויסע שטעט. א גוואלדיקע באוועגונג אין די גאסן פון אויטאמאבילן, דראזשקעס און וועלאסיפעדן. היינט די מויערן אזא שיינעם סטיל פארמאגט אפילו ניט ווארשע. פאראן מויערן, וואס שיינען ממש א קונסט-ווערק. זיי זיינען שיין מיט זייער פארשיידנארטיקייט. ס׳איז א וואונדער ווי אויף זאמד בפירוש זאמד איז אנטשטאנען אזא שיינע שטאט מיט אלע באקוועמלעכקייטן פון א מאדערנער אייראפעישער שטאט מיט קאנאליזאציע, עלעקטריק און נאך.

ווי ניכטער דו זאלסט ניט זיין, וועסטו באגייסטערט ווען דו הערסט קלינגען די העברעישע שפראך, אפילו דער אראבער באנוצט זיך עיילווייז מיט איר, בישט רעדנדיק וועגן יונגען דור, די יוגנט, וואס איז אויפגעוואקסן אין דער שפראך. אין גאס, אמת, הערט מען אויך אנדערע שפראכן, אבער דאז איז א געוויינהייט פון דער היים. אפיציעל רעדט מען נאר העברעיש. אפילו אין אראבישן יפו זיינען די אראבישע שילדן אויך אין העברעיש. און אז די פאליציי אין תל-אביב איז א יידישע דאס ווייסט איר דאך. שטייט זיך אזא פאליסמען אין מיטן פון עטלעכע גאסן און קערירט מיט דער באוועגונג פונקט ווי אין לעמבערג, אדער ווארשע. זונטיק האט שאבוטינסקי דא געהאלטן א פארטראג אין בית העם, זיינען טויזנטער מענטשן געגאנגען אים הערן. און אסך האבן קיין בילעטן ניט געקריגן.

ירושלים, 3.4.27

מיינע טייערע! טעג, וואכן, חדשים לויפן פארביי... עס איז שוין א האלב יאר זינט איך בין אפגעפארן פון דער היים. געקומען אין א נייער וועלט, מיט נייע מענטשן, געביטן דעם שטייגער פון לעבן און דאך ווייס איך ווייניק פון דעם אלעמען.

זעקס א זייגער אין דער פרי בין איך שוין אויף די פיס. א פערטל אויף זיבן גיי איך ארויס פון שטוב און דורך געסלעך און פעלדער שנייד איך מיר מיין וועג צו הר הצופים. דאס איז א מהלך פון פיר קילאמעטער. דערנאך הייבט זיך אן דאס אופשטייגן אויפן בארג דורך קרומע סטעזשקעס. ארום גרינען פעלדער מיט תבואות און פאסטעכער טרייבן שטערעדעס שאף אויף פאשע און ענדלעך בין איך אויפן פלאץ. זיבן א זייגער שטעלט מען זיך צו דער ארבעט. מיר זיינען א קבוצה פון פינף מאן. אין מאלינינס זאדאטשניק הייסט עס - ארטעל ראבאטשיך. דריי פון אונדז זיינען "הפועל-הצעיר ניקעס" און צוויי קאמוניסטן. ביטא דער טאג מיר זאלן זיך ניט רייסן ביי די בערד (וואס וועלן אפשר זיין אמאל) אלץ צוליב די פארטייישע אנשויונגען. אין אלגעמיין האבן מיר זיך גוט צוזאמענגעלעבט. וועגן דער קבוצה וועט נאך אמאל אויסקומען שרייבן באזונדער. די קבוצה הייסט "פירוק", דער טייטש איז "צענעמען, אויסלאדעווען". די געביידע וועט זיין איינע פון די גרעסטע אין ירושלים. כדי איר זאלט האבן א באגריף פון דער ריזיקייט פון דער ארבעט, דארפט איר וויסן, אז ביז יעצט האט מען ארייגעבראקט אין די פונדאמענטן 1500 מעטער בעטאן. פארשטייט זיך אז די אלע פודן מאטעריאל גייען פריער דורך אונדזערע הענט. ס'זיינען געווען טעג, ווען מיר פלעגן אריבערטראגן אויף די פלייצעס 13 וואגאן צעמענט, נאטירלעך אין די פודיקע זעק. חוץ דעם גרייטן מיר צו שטיינער צום בויען. פאראן אזעלכע, ווי אין דאנטעס גיהנום. עס וועט זיין צו לאנג אויסרעכענען אט די שווערע ארבעטן. איינס דארף איך באטאנען, אז די אלע ארבעטן זיינען דער עטאפ צו בנאות. נאטירלעך, אז די ערשטע טעג האב איך געפאכעט מיט דער גאנצער נשמה און דער שווייס איז געראנען טייכנווייז, אבער אפגעשטאנען בין איך ניט. דעם ערשטן טאג האב איך מיר געשטעלט מיט נאך א חברהמאן אפרייניקן א פלאץ פון שטיינער. איך האב זיך גענומען צו דער ארבעט מיטן גאנצן ברען, זאגט צו מיר דער יאט. זאלסט זען, ס'זאל זיך פארציען ביז מיטאג. אבער ביז הייניקן טאג איז מיר אזא געדאנק פרעמד. גיט מען מיר איבער אן ארבעט, פיל איך זי אויס צו דער צייט. פאר דער צייט בין איך געווינט געווארן צו דער שווערסטער ארבעט, אין ערגסטן וועטער געארבעט, און ווינטער זיינען דאך געווען רעגנס און ווינטן, אמעתע הר-הצופימדיקע ווינטן, וואס האבן אוועקגעטראגן אונדזערע צריפים מיט האק און פאק.

★★★★★★

★★★★★★★★★★★★★

ירושלים, 1927-4/12

מיינע טייערע. ביי מיר איז אלעץ אמבעסטן. אין א מאנאט ארום פאר איך קיין כפר-סבא וון איך וועל ארבעטן אין "אונדזער" משתלה. הגם דא אין ירושלים האב איך געננג ארבעט און פארדין א האלבן פונט א טאג (באמערקט, אז איך ארבעט נאר דריי טעג א וואך) חוץ דעם האב איך פון בילדער, וואס כ'פיל אויס פאר דער אוני- ווערסיטעט פון 3-4 פונט א מאנאט. און אין כפר-סבא וועל איך מוזן שוויצן פאר 20 פיאסטער א טאג, נאר ניט קוקנדיק דארוף גיי אי ך אהין, ווייל אין דער צוקונפט וועל איך דערפון געווינען. וואלט איך געהאט מער צייט, וואלט איך וועגן דעם געשריבן גענויער. כ'האב זייער ווינציק צייט. וועגן בטלענען אזוי זיך סתם איז נישטא וואס צו רעדן.לעצטנס מאך איך אפטע טיולים אין לאנד. גוואלד, איך בין שוין העכער צוויי יאר אין לאנד און נאך אין "עמק" ניט געווען. קלעטערט מען אויף די בערג, מען קריכט אויף די הענט אין פארשיידענע מערות... און וואס וועט שוין זיין, אז דו וועסט שוין דאס אלץ זען, וועסטו זאט ווערן, דו נייגעריקער מענטש?

## בין השמשות אין קיבוץ

די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
כ'האָרך צו געזאַנג פון די גרעזעלעך.
די ביימער טוליען זיך צוזאַמען,
ווי צו באַוואָרענען מנוחה זיך אויפגעשטעלט.
מאַמעס מיט קינדערוועגעלעך
שפּאַצירן אויף די גרינע אַלייען.
שעלמיש מאָנען שטערנפייגעלעך
פון די בלאָען הימל מיט ווייסע שטייען.
שטילער רו נאָך אַן אויסגעאַרבעטן טאָג,
אַ ווינטל באַוועגט די בלעטער, ווי נאָטן אויף אַ קלאַווירע.
כ'באַוואונדער דעם משק – דעם קיבוצ'ס פאַרמאָג
און כ'זע אַלטע ייִדן מיט ביקסן גייען אויף שמירה.

2/3 רוזא אָסאַרט (ניו-יאָרק)




מנוס

## בריוו פון אונדזערע חברים אין אויסלאנד

מיר האבן שוין אפט-מאל געשריבן וועגן די רירנדע בריוו פון אונדזערע לאנדס-לייט אין אויסלאנד און אין ישראל, וועלכע קומען צו אונדז אן נאך יעדען נייעם העפט.

מיר וואלטן גערן דא געגעבן אויסצאגן פון די אלע בריוו, ווען דאס פלאץ וואלט דאס דערמעג-ליכט. מיר וועלן דערום אלעמאל געבן נאר די אויסצוגן פון א קליינעם טייל פון די בריוו. מיר קענען אבער זאגן אז אלע בריוו זענען אונדז טייער און געבען אונדז פיל מוט אין אונדזער ארבייט.

<u>פרעד ביק פון ליבקטנוואוד</u>, אין די פאראייניקטע שטאטן, נאכן באקומען פון העפט 13, שרייבט אונדז:

ליבע לאנדסלייט.
איך דאנק אייך זייער פאר שיקן מיר די "קרעמעניצער לאנדסלייט שטימע". אייערע באמיונגען צו פאראייביקן דעם זכרון פון אונדזערע פארניכטעטע ברודער און שוועסטער אין קרעמעניץ באווייזן, אז מען קען אפהאקן די צווייגן פון א בוים, אבער אויב די קארניעס זענען געזונט וועלן נאך די צווייגן ארויסקומען. מיר טארן אט די צווייגן קיינמאל נישט פארגעסן.

איך בין לעבן געבליבן נישט קוקענדיק אויף דעם, וואס די דייטשן האבן צוגעזאגט פיל געלט פאר מיין קאפ. זיי האבן אבער מיך ניט געקענט געפונען.

אצינד זייענדיק א פאטער פון 3 פיינע יידישע קינדער, וועלכע זענען שטאלץ מיט זייער יידישקייט ווי אויך מיט דעם אזוי באליבטן ישראל... איך האף אין דער נאענטער צוקונפט זיך צו זען מיט אייך.

אייער געטרייער אפרים בוק ומשפחתו.

★★★★★★★★★★

און עזריאל גארינשטיין פון פאריז שרייבט אונדז -

"... ליידער האב איך ניט אלעס געקענט לייענען אין דער העפט, ווייל מיין שוואכע ידיעה אין עברית דערלויבט מיר ניט דאס צו טאן. אבער וואס כ'האב געלייענט אויף יידיש האט בא מיר ארויסגערופן א קוואל פון טרערן. כ'האב פאר מיר געזען מיינע עלטערן און קרובים אין זייער טראגישן סוף ווי אויך האב מיך ווידער געזען יונג און האפנונגספול צווישן מיינע יוגנט פריינד אין דער אלטער אזוי באליבטער היים.

א יישר כוח אייך אלע פאר דער הייליקע און איבער געגעבענער ארבייט...."

אין א ענליכן גייסט זענען די איבעריקע בריוו, וועלכע ווערן דורך אונדז אפגעהיט.

★★★★★★★★★

אויסצוגן פון א בריוו פון אונדזער חבר וועלוול שניידער, דעטרויט, אמעריקה

דעם 11.5.77.

.... און יעצט צום פונקט, אדער פונקטן.

1. .... וואס שייך דער ביבליאטעק. אן ענין וואס איז מיר אזוי טייער און סיפארשטייט זיך טייער בא אונדז אלעמען. לאמיר אלע געדענקן: שאפן אן אמבולאנס, פלאנצן א וואלד אויפן נאמען פון א פארשניטענער שטאט, אדער אן אנדער "צדקה גדולה" איז ניט פון די אויסנאמען אין אונדזער צייט; א סך שטעט האבן דאס באוויזן צו טאן. מיר אבער האבן געטאן דאס כאראקטעריסטישע און דאס פאסיקסטע פאר אונדזער קרעמעניץ. און מיט דעם איז אונדזער שטאט אן-אוניקום, און איך ווייס ניט פון נאך אן ענלעכן פאל. דעריבער איז אונדז די ריב"ל ביבליאטעק אזוי טייער. ס'וועט דאך קומען א צייט פון שלום און רו אין ישראל. אין זייער רואיקן לעבן וועל אונדזערע קינדער און אייניקלאך זיכער זוכן זייערע ווארצלען. און אין זייער דורשט נאך וויסן, נאך השכלה, וועלן זיי אנטדעקן דעם ריב"ל און דורך דעם ריב"ל - אונדזער פארשניטענע שטאט. איז לאמיר דאס אין זינען האבן: די ביבליאטעק - אונדזער שטאלץ - וועט זיין זייער שטאלץ.

2. וואס שייך ביכער. זיכער דארף די ביבליאטעק ווערן אלץ רייכער אין ביכער. מיר שיינט אז אונטער אלע אומשטענדן וואלט די ביבליאטעק געדארפט זיך ווענדן אויף אפיציעלע בריוו צו די ביבליאטעקן פון די אוניווערסיטעטן אין פארשידענע לענדער, און זיי אנזאגן אז די ריב"ל ביבליאטעק איז געשאפן געווארן פאר השכלה פארשונג, און מיר בעטן זיי אונדז שיקן במתנה ביכער אויף דעם ספעציעלן געביט, אויב זיי פארמאגן מער ווי די צאל עקזעמפליארן פון א באשטימטן בוך. איך וואלט אויסגעפרובירט א 20 ביבליאטעקן אין די לענדער: דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, האלאנד און פאראייניקטע שטאטן. דער פלאן איז ניט פון פינגער אויסגעזויגן. עס איז כמעט א מינהג אין פיל ביבליאטעקן.

3. וואס שייך דעם "קול יוצאי קרעמעניץ" איז מיין מיינונג אז די העפטן דארפן דערשיינען אזוי רעגלמעסיק ווי נאר מעגליך. מיטאר דעם ק.י.ק. ניט אפשטעלן. די העפטן זיינען א שיינע און וויכטיקע שנור, וואס פארבינדט אונדז, קרעמעניצער, פון דער גורער וועלט. זיי זיינען א שטאלץ פאר דעם ארגון און א גוט-מיטל דורך וועלכן מיר קענען זיך ווענדן צו אלע קרעמעניצער נאך שטיצע, סיי פאר די העפטן, סיי פאר דער ביבליאטעק.

צו די רעדאקטארן פון "קול יוצאי קרעמעניץ"

ליבע און טייערע לאנדסלייט.

צו דער געלעגענהייט פון 10 יאר דערשיינונג פון די העפטן "קול יוצאי קרמניץ" שיקן מיר אייך איבער אונדזערע הארציקסטע ברכות, ליב און אנערקענונג, פאר אייער מי, אנשטרענגונג, איבערגעגעבנקייט און טריישאפט. מיר שאצן דאס אפ און מיר ווינטשן אייך אריכת ימים ושנים, איר זאלט קענען ווייטער אנגיין מיט דעם זעלבן ענטוזיאזם און אפטימיזם. ווי ארעם וועלטן מיר קרעמעניצער לייל געווען, ווען מיר האבן נישט אט די איינציקע בריק, וואס פאראייניגט אונד און גיט אונדז די מעגלעכקייט צו הערן איינער פון דעם צווייטן און צו טיילן זיך מיט די פריידן או ליידן, חלילה.

אונדזער גרעסטע אנערקענונג פאר די וואס טוען אזוי פיל, כל הכבודו חברים לייל באשר הם שם, לאמיר אלע אויסשטרעקן אונדזערע ווארעמע הענט און זיי אנטקעגן קומען מיט הילף לויט די מעגלעכקייטן און זיי זאגן: תחזקנה ידיכם!

סעקרעטאר מרדכי כ"ץ

י. רוכל

# ב ס פ ר י י ה ע" ש ר י ב " ל

לאחרונה נמסרה סקירה על ספריית-ריב"ל בחוברת י"ב של ק.י.ק. ע"י מר עוזי שביט, ראש מכון כץ לחקר הספרות העברית, באוניברסיטת ת"א, וכן ע"י י.ר. ב-"פסיפס", סקירתנו זו מתייחסת אפוא לשנתיים, לתקופת יוני 1975 - יוני 1977. בפרק זמן זה נוספו 70 ספרים והספרייה מכילה עתה 1400 ספרים. עבור הספרים שנרכשו שולם 5.627 ל"י. המחצית מכספי ארגון קרמניץ והמחצית השנייה ע"י האוניברסיטה. הספרים הנרכשים הם בדרך כלל נדירים מאד, מתייחסים לתקופת ההשכלה (1740-1900), לכן הם גם יקרים. עם זאת רואים אנו מחובתנו לרכוש כל ספר בספרות ההשכלה המצוי לרכישה, כאשר עלולים לעבור שנים רבות עד אשר אותו ספר יהיה מצוי שוב לרכישה. עם זאת, עוברת רשימת הספרים לקנייה בדיקה מוקדמת ע"י פרופיסור גדליהו אלקושי, והוא הקובע מה ראוי לרכוש.

ספריית ריב"ל נוסדה בשנת 1964 ומקומה הראשון היה במועדון ארגון קרמניץ, שבסמינר הקבוצים, אך הספרים לא הגיעו שם לידי שימוש ומוקמו בארון, כאבן שאין לה הופכין. במרס 1972 הועברה הספרייה לאוניברסיטת תל-אביב במסגרת "המכון לחקר הספרות העברית" ע"ש בן ציון כץ, לפי הסכם שנכרת בין הארגון ובין האוניברסיטה. מאז חלה התפתחות חשובה. ניהול הספרייה נעשה בהדרכתם של אנשי מדע מטעם מכון כץ. והעיקר: הספרים משמשים כיום את תלמידי החוג לספרות ההשכלה שבאוניברסיטה וגם עומדים לרשותם של המדענים הצעירים העושים באוניברסיטה במחקר הספרות העברית.

באוקטובר 1976 חל שנוי נוסף, אשר גרם אמנם לוויכוחים בין שני הצדדים, אך הסתיים בכי טוב. ספרים בספרות ההשכלה קיימים באוניברסיטה לא רק בספרית ריב"ל, אלא גם בספריה המרכזית של האוניברסיטה, ובכמות יותר גדולה. פיזורם של ספרים מאותו סוג בשני מקומות גרם קשיים לאלה אשר למענם נועדו (לסטודנטים, לחוקרים,לספרנים), והרקטור של האוניברסיטה תבע שספריית ריב"ל, אשר מקומה הראשון היה באולם הספרים של בית התפוצות, תועבר למדור הספרות העברית שבספרייה הכללית. בדיון משותף שהתקיים ביום 21.10.76 הגיעו הצדדים לידי הבנה שמטעמים מעשיים אין מפלט מהעברת הספריה למדור מישנה של ספרות ההשכלה שבספרייה הכללית, וייחודה של ספריית ריב"ל יישמר ע"י יסוד "פינת קרמניץ" באותו מדור. שם העמד הפסל של ריב"ל, ולידו תמונות מתאימות מההווי של קרמניץ (רחוב לוינזון ועוד). תוך חדשים אחדים בוצעה ההחלטה; וכיום מתרשם מ"פינת קרמניץ"

כל הציבור הגדול של הבאים למדור הספרות העברית. החברים - ארגמן והפסל יעקב אפשטיין, שותפו בפועל בסידור הפינה, לשביעת רצונם.

בהזדמנות זו נביע תודתנו לפסל יעקב אפשטיין, איש קרמניץ, אשר יזם וגם ביצע בכשרון רב את פסל ריב"ל בעבודת התנדבות. הוא גם השגיח על היציקה, אשר עלתה יחד עם הוצאות נלוות 5,700 ל"י. חלק מסכום זה, כ-2,000 ל"י, נתרם ע"י חבר הרוצה בעילום שמו.



י. רוכל

טקס חלוקת מילגות מחקר מטעם ארגון יוצאי קרמניץ, ב-2.5.77

המעמד נוהל ע"י מר עוזי שביט, ראש מכון כץ לחקר הספרות העברית, אוניברסיטת תל-אביב.

<u>ד"ר מנוחה גלבוע:</u>

ד"ר גלבוע פתחה את הערב בסקירה קצרה על ריב"ל ועל תקופת ההשכלה ברוסיה וסיימה בדברי תודה למארגני מפעל קרמניץ:

"אני רוצה אם כן להודות לנותני הפרסים וכן למקבלי הפרסים. כמו כן להודות לאביבה דורון אשר תרצה לנו על אחד המפעלים החשובים של תקופת ההשכלה. יבואו כולם על הברכה".

<u>יצחק רוכל</u>:

הדבר המיוחד את ארגון יוצאי קרמניץ הוא בכך שארגון זה התרכז בייסוד שני מפעלי תרבות המאפיינים את הקהילה הזאת במיוחד, היינו: ספריה לספרות ההשכלה, והמפעל השני - קרן למילגות עבור עבודות מחקר בספרות ההשכלה. שניהם על שמו של ריב"ל איש העיר קרמניץ, הוא שהביא את תנועת ההשכלה לרוסיה, והיה מכונה "מנדלסון הרוסי". שני המפעלים - במסגרת אוניברסיטת תל-אביב.
במדור של ספרי ההשכלה שבספרית האוניברסיטה הוקם ע"י הארגון גם פסל של ריב"ל. זו הפעם השלישית שהקרן מעניקה פרסים למלומדים צעירים המתרכזים בלימוד ובמחקר של ספרות ההשכלה. הקרן ריכזה עד כה -.104 אלף ל"י (כולל הריבית ורווחי ההצמדה) והפרסים ניתנים מהפירות של הקרן. ההון של הקרן מושקע ע"י האוניברסיטה בניירות ערך.

ובקשר למפעלי הזכרון ע"ש ריב"ל אספר על שני יהודי קרמניץ, אנשי דורו של ריב"ל, האחד - תלמידו ומעריצו, ואילו השני - מתנגדו החריף. אספר עליהם וגם על נכדיהם.

<u>מזה</u> בן <u>מזה</u> (ברכות כ"ח) זה היה כנויו הספרותי של ר' <u>משולם כץ</u>, ראשי תיבות משמו ומשם אביו (משולם זאב הכהן בן מרדכי זלמן הכהן). בכנוי זה היה מפרסם רשימות ב"המליץ" וב"הצפירה". גדל על ברכי החסידות אך נמשך מנעוריו אחרי ספרי פילוסופיה, נמנה עם חוג "המשכילים", הגה בספרות ההשכלה והיה תלמידו של ריב"ל ונתון להשפעתו. בו בזמן היה גם חובב ציון נאמן ועם הופעתו של הרצל - הצטרף מיד לתנועה הציונית והיה ציר לקונגרס השני. בנו הבכור נשלח על ידו לשווייץ ולגרמניה, והיה בכך משום מעשה נועז באותם הימים. הבן סיים פקולטה לפיסיקה ולמתימטיקה והיה ידוע בתור ד"ר בן-ציון כץ. לימים הוא היה מנהל בית הספר התיכוני "תרבות" בעיר קרמניץ, ולבסוף נספה כחבר היודנראט. נכדו של ר' משולם הוא <u>מארק כץ</u>, פרופיסור למתימטיקה בארה"ב, בעל פרסום עולמי במקצועו, הוא גם איש חבר הנאמנים של מכון וייצמן. תרם לקרן המילגות 5,500 דולרים, וזה כמחצית מכל הסכום שהקרן צברה.

ולעומתו של ר' משולם כץ, אציג לפניכם את ר' צבי מנחם בן אברהם, כך היו קוראים לו שעה שעלה לתורה, אולם אנשי העיר הכירוהו <u>כ"הערש מענדל" ושם משפחתו - רוכל</u>. או כפי שהיו מבטאים בקרמניץ - "רויכל", ואת החמולה שלו כולה מכנים "ידי רויכלס". היה הוא יהודי עתיר נכסים, בעל בית חרושת לנייר, אב לשושלת ענפה, אשר שלוחותיה כיום ברחבי תבל. בניו, חתניו ושאר קרובי

משפחתו התנחלו כולם ברחוב אחד, הוא רחוב סלובצקי, על שם הסופר הפולני הידוע, והם היוו חמולה נרחבת, ומספר הנכדים כארבעים. בעל קומה זקופה והדרת פנים, פיקח ותקיף, עוסק בצרכי ציבור וכופה את דעתו על הציבור. תורם למפעלים שונים ביד רחבה ותובע גם מאחרים, למדן ובר אוריין, היה קובע עתים לתורה, ונמנה עם האדוקים הקיצוניים, ללא רתיעה וללא פשרה. מאליו מובן שאת ריב"ל היה שוטם. וכאשר הזכירו בפניו את שמו של לוינזון (הוא ריב"ל) היתה תגובתו: "שם רשעים ירקב" (משלי י'). היה מתנגד הן לציונות והן ל"בונד", באשר אלה וכן אלה רחקו מדרכי התורה.

וצחוק הגודל - אחד מנכדיו, והוא העומד בפניכם, נתפס בארץ לפעולה למען זכרו של ריב"ל, מפתח את ספריית ריב"ל ואף לקח חלק בהקמת פסל לדמותו של ריב"ל.

זהו הסיפור על שני סבים, בני דורו של ריב"ל, האחד - מעריצו, והשני - מתנגדו החריף, ועל שני נכדיהם, הפועלים - כל אחד בדרכו - לזכרו של ריב"ל.

אסיים את דברי בהזכרת שמותיהם של שניים מטובי חברינו, אשר יד להם בייסוד קרן המילגות ובריכוז תרומות למענה, והם: פסח ליטב, שהלך לעולמו ב-23.5.75 וד"ר ישראל רבינוביץ, אקטואר במקצועו, שנפטר ב-7.12.75. יהי זכרם ברוך.

ולבעלי הפרס - אחולים לשגשוג ולהתקדמות.

<u>מר ידידיה פלס:</u> (ממקבלי המילגה)

הריני להביע רחשי תודתי, גם בשם שותפתי למעמד הזה (הגב' לילי אשכנזי). בוודאי יעשה כל אחד מעמנו כמיטב כוחו, איש איש בתחומו ובמועדו, להוכיח שאכן לא לשווא ניתנה לו המילגה הזאת. אנו מודים איפוא לועדה שמצאה אותנו לראויים.

יותר מכן יש להודות לארגון עולי קרמניץ שיזם ותרם. מן הסתם לא אטעה אם אומר, שרעיון המילגה נתייסד על ההשקפה שיש לעודד, ובייחוד לנוכח התלאות והשואה שעברה על קהילות ישראל, את המשכיות תרבות ישראל בכל תחומיה, בבחינת "עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר".

על כן טוב עשו המארגנים לשלב עתה הרצאה מפי הגב' אביבה דורון, שתזמן את "חכמת ישראל" - עם אחד מגדולי הרוח העבריים בימי הביניים, הוא ר' יהודה הלוי. "חכמת ישראל" ביקשה ללקט ולאגור את כל מכמני מסורתנו התרבותית הענפה, מתוך גישה של דיסטנץ ואוביקטיביזציה. בזה כוחה ויש אומרים: תורפתה.
"חכמת ישראל" - אורך תקופתה, רוחב יריעתה ועומק עיוניה טעונים עדיין טיפול הרבה. חומר רב מצפה לתרגום כדי לערותו במסגרת 'מדעי היהדות' של המאה שלנו

כפי שהם נלמדים היום במרכזי ההוראה והחקר, בעיקר במדינת ישראל ובארצות הברית. ולוואי ונימצא ראויים למיקרא השם "ממשיכי מסורת חכמת ישראל" - הפעם בלי מרכאות.

☆☆☆☆☆☆☆☆

במילגות השנתיות בסך 3,000 ל"י כל אחת, זכו:

1. מר ידידיה פלס, עבור עבודתו "מהדורה מדעית של שירי בחיי אבן בקודה".

2. הגב' לילי אשכנזי עבור עבודתה בחקר כתב-העת "הכרמל", שיצא בעריכת שמואל יוסף פין (1818-1890).



# הלכו לעולמם!

מ.ג.

פאניע (פייגע) גאלדבערג ז״ל



אין יאנואר, היי יאר, איז אין וויניפעג, קאנאדע, געשטארבן אין עלטער פון 78 יאר פאניע גאלדבערג. די עלטערע קרעמעניצער געדענקען, געוויס, איר עלטערנ׳ס קראם פון שרייב מאטעריאלן (פיסטשע בומאזשנאיא) צווישן אונדזער און וויטעלסע׳ס קלייטן. ביידע עלטערן זענען יונג געשטארבן. פייגע מיט איר יונגערע שוועסטער, לאה, תיבדל לחיים, האבן איבערגענומען די קראם. דאס איז געווען באלד נאכדעם וואו זיי האבן געענדיקט די גימנאזיע.

אין יאר 1928 האבן בייד ע שוועסטער עמיגרירט קיין קאנאדע, ווי זיי האבן אין וויניפעג געארבייט אלס קאסירערינס אין א טעאטער.
פייגע האט איבערגעלאזן איר איינציקע שוועסטער לאה.

כ׳געפון פאר מיין חוב דא צו דערמאנען זייער ברודער פנחס ז״ל, וועלכער האט אין זיינער צייט, אלס סטודענט, פארנומען א וויכטיקן פלאץ אין דער אונטערערדישער ארבייט פון דער רעוואליוציאנערער יוגנט אין קרעמעניץ. ער האט פארלאזט קרעמעניץ אין דער ריכטונג פון רוסלאנד, א לאנגע צייט פארן אקופירן די שטאט אונדזערע דורך די פאליאקן.

זיין שוועסטער-קינד, אונדזער לאנדסמאן, מאקס דעסער, האט לאנג געפלאנירט זיך מיט אים צו זען. ענדליך, ווען מאקס מיט זיין פרוי זענען אין 1968 געקומען פון קאנאדע קיין מאסקווע און דארט אויסגעפונען זיין וואוין-ארט, האבן זיי געטראפן דאס וווינונג געשלאסן. נאכדעם, ווי זיי האבן לאנג געקלינגען, איז צו זיי ארויסגעקומען א שכן און זיי דערציילט, אז ער (דער שכן) קומט ערשט פון ״דעם אינזשינער פנחס גאלדבערג׳ס לווייה....״

★★★★★

יהודית שטרן (ראזענטאל) <u>יהיה זכרם ברוך!</u>



## <u>ב ע ר ל   ק ר ע מ ע ן   ז״ל</u>

י״ז באדר תשל״ז, דעם 7.3.77, איז אין אדעס געשטארבן, אין עלטער פון 70 יאר, אונדזער בן-עיר, בערל קרעמען, א זון פון פסח און רבקה (מבית ראזענטאל) ז״ל קרעמען. בערל האט געלערנט אין דער ״קאמערטשעקאיע אוטשילישטשע״. אלס יוגענטליכער, האט ער פונקט ווי אלע יידישע יוגנטליכע, אין דער צייט פון דער פוילישער הערשאפט, נישט געפונען קיין באשטימטע ארבייט. ער האט פון צייט צו צייט אויסגעפירט פארשיידענע ארבייטן, וואס זענען געווען פארבינדן מיט קונסט און טעאטער בא אונדז אין שטאט. גלייכצייטיק האט ער זיך מיט גרויסער מסירות אפגעגעבן צו זיין קראנקער מוטער.

ווען ס׳איז אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, איז ער מאבילידירט געווארן דורך דעם פוילישן מיליטער. ער האט נאכער א געוויסע צייט געקעמפט אין די רייהען פון דער רויטער ארמיי.

אין 1944 האט ער באזוכט דאס חרוב-געווארענע קרעמעניץ אין, ביט זעענדיק קיין אויסזיכטן דארט זיך איינצוארדנען, איז ער אפגעפארן קיין אדעס. דארט האט ער חתונה געהאט און געבויט פאר זיך א משפחה. אלע יאר פלעגט ער מיט נאך אייניקע קרעמעניצער - מישע פרידמאן, טוליה פישמאן, גלוזמאן, פארן א היים אויף קבר אבות.

בערל האט ביזן טויט אפגעהיט די יידישע טראדיציע און אלץ געחלומט צו קומען קיין ישראל.

איינמאל האט בערל, צופעליק, באגעגנט שפאצירן אויף דער הויפט-גאס פון אדעס דעם, דאן ישראל אמבאסאדאר, אונדזער לאנדסמאן, יוסף אבידר, און זיין פרוי. אבידר האט באלד אין אים דערקענט זיין געוויזענעם מיטשולער. אבידר האט גערן אנגענומען בערלס איינלאדונג צו קומען מיט אים א הים.

אין 1964 האט חנה גאלדענבערג, זייענדיק אויף אן באזוך אין רוסלאנד, אים צוויי-מאל באזוכט אין זיין הויז. זיין גערירקייט איז געווען נישט צום באשרייבן.

אין זיינע בריוו צו אונדז האט ער געשריבן, אז דיביידע באזוכן בא אים זענען געווען די גליקליכסטע שעהן אין זיין לעבן.

★★★★★★★★★

מאנוס

## מאקס און נעטי ווישנער ז״ל



אין מיאמי ביטש איז היי יאר אין עלטער פון 86 יאר געשטארבן מאקס ווישנער, א ציין דאקטאר. ער און זיין עלטערע ברודער נחום, ז״ל, זענען אנגעקומען קיין אמעריקע מיטן שטראם פון דער יידישער עמיגראציע פון רוסלאנד אין אנהויב פון 20-טן יארהונדערט. יעדער פון זיי איז נאך ניט קיין 20 יאר אלט געווען מיט דער בילדונג פון קוים 3 קלאסן פאלקס-שולע אין קרעמעניץ, האט מאקס זיך דערשלאגן צו א דיפלאם פון ציין דאקטאר און איז פארבליבן ביי דער פראפעסיע, ביז ער איז צוריק מיט 7 יאר, ארויס אין פענסיע.

מאקס, איז אין געגענזאץ צו זיין ברודער נחום ז״ל, גלייכגילטיק געווען צו זיין משפחה אין דער אלטער היים און ווייט געווען פון וועלכן ס'איז אנטייל אין יידישן געזעלשאפטליכן לעבן אין טשיקאגא, וואו ביידע ברודער האבן געוואוינט.

אבער מיט דער גרונדונג פון מדינת ישראל איז אין אים געשיין א ראדיקאלע ענדערונג. ער האט אנגעהויבן אפט שרייבן צו זיינע קרובים אין ישראל. די סאפיסטישע בריוו זיינע זענען פון דעמאלט אן פול געווען מיט א ווארעמען געפיל צו ישראל, וועלכעס ער האט צוויי מאל באזוכט. דאס לעצטע מאל צוזאמען מיט זיין פרוי.

יעדער באזוך זיינער האט פארשטארקט זיין ישראל פאטריאטיזם. זיין חלום איז געווען צו באזוכן נאכאמאל ישראל. צוליב א מיספארשטענדניש האט ער אנגעהויבן צו באקומען "קול יוצאי קרעמעניץ" ערשט צוריק מיט צוויי יאר. ער האט ביז דאן קיין געדרוקט יידיש ווארט נישט געזען. און דאך האבן די צוויי אדער דריי העפטן, וואס זענען צו אים אנגעקומען, אין אים ארויס-גערופן א שטראם פון דערינערונגען. דער דורכאויס פראקטישער און, אפטמאל, סקעפטישער מאקס, האט, נאכן לייענען פון די העפטן, שטארק געדאנקט די ארויסגעבער פון "קול יוצאי קרמניץ" פאר "דערוועקן אין אים דאס נאבעלע געפיל פון נאסטאלגיע צו דער אלטער היים מיט איר פשוטן, אבער נאטירליכן ארט לעבן", וואו ער האט זיך אויסגעדרוקט אין זיין שיינעם ענגליש אין לעצטן בריוו.

עטליכע חדשים נאך זיין טויט איז פלוצעם געשטארבען זיי פרוי, נעטי ז"ל, אין עלטער פון 73 יאהר. זי איז געווען זיין צווייטע פרוי, מיט וועלכער ער האט חתונה עטליכע יאר נאכן טויט פון ערשטן ווייב. נעטי איז געווען זייער א געטרייע באגלעטרן זיינע און פיל איבערגעגעבן צו זיין טאכטער, זון, איניקלאך און קרובים.

יהיה זכר שניהם ברוך!

מ.ג.

★★★★★★★★

## אירקה וואוטק בירן ז"ל



אירקה הגיעה ארצה בשנת 1944 עם "ילדי טהרן", כפי שקראו אז לילדים ובני הנעורים שהגיעו אלינו מרוסיה דרך פרס, לפי ההסכם עם השלטונות הסובייטיים. בהגיעה ארצה, אחרי שהיתה של שנתיים בטהרן, כמו כולם, נקלטה אירקה על ידי משפחת אחותה, טניה ומוניה שטרן.



אוטק, שאותו הכירה אירקה עוד בברית-המועצות, הגיע גם הוא באותו זמן לארץ עם צבאו של הגנרל אנדרס. שניהם התחתנו כעבור זמן קצר והקימו את ביתם בחיפה. בתם היחידה, אילנה, עברה אחרי נישואיה לתל-אביב, מקום שהיא גרה עד היום.

אירקה עבדה, בראשית צעדיה בארץ, כתופרת ואחר כך כמנהלת המחלקה לבגדי נשים ב"המשביר לצרכן" בחיפה ובתפקיד הזה היא הצליחה מאד.

בקיץ 1973 יצאו אירקה ואוטק לטיול ברומניה ובהיותם שם מת פתאום אוטק בגיל 59. האסון הזה חתר תחת בריאותה של אירקה. היא החלה לחלות. מהר התברר לה, שהיא לקתה במחלה אנושה. שלוש שנים היא החזיקה מעמד, בהתגברה בכוח רצונה ואהבת החיים שלה על יסוריה הגדולים. היא המשיכה בעבודתה ואף יצאה מספר פעמים לטיולים בחוץ-לארץ.

בארבעת החדשים האחרונה לחייה היתה אירקה מאושפזת בבית-חולים, ואחר סבל רב הוציאה את נשמתה בדצמבר 1976.

אירקה ואוטק השאירו את בתם ושלושה נכדים.

ככל קרמנצאי איני יכול, בהזכירי את שמו של מירון גינדס, שלא להעלות את דמותו. הנה הוא מול עיני רוחי, הגברתן, בקומתו הזקופה, שופע מרץ והומור, בעל המזג הטוב. אולם, כל נסיון לפגוע בכבודו, ועוד יותר, כל נסיון לפגוע בכבודם ובגופם של יהודים מצד האנטישמים עורר את זעמו ונתקל בנחת זרועו. עוד זכורה לכולנו הקטטה הגדולה ב"ווידזומקה", אחרי משחק הכדור-רגל, שפרצה שם בין היהודים והפולנים בה הייתי מעורב גם אני. עד היום מספרים בהתפעלות בני עירנו בפגישותיהם על מעשי הגבורה והאומץ הרב שהראה אז מירון.

מירון בעל השרירים והידיים היצרניות, החשמלאי המעולה, שניהל את תחנת החשמל הראשונה של שמואל גורינשטיין ז"ל בקרמניץ במסירות ובכישרון (והיו שם עוד יהודים כמוהו), עמד בניגוד גמור לדמותו של היהודי הגלותי "המסכן", כפי שהוא מצטייר בעיני צעירנו בעטים של פרקי ספרות מסויימים, המופיעים במקראות בבתי-הספר שלנו במשך כל השנים.

יהושע ושבתאי

## ד ו ר ה   א י י ז נ ש ט י י ן - י ע ק ו ב ס ו ן  ז"ל



דורה איינשטיין ז"ל ילידת שומסק, בתו של הרופא הידוע ד"ר יעקובסון משומסק חונכה ולמדה בקרמניץ, בהתחלה בגימנסיה אלעכסינה ואחר כך בליצאום. גמרה את בית הספר הגבוה לכלכלה בשם וו.ס.א. בוורשה, שנות המלחמה עבור עליה ברוסיה, ואחרי גמר המלחמה, עבדה בבית יתומים לילדים יהודים ניצולי השואה בעיירה גישטשה-פוסטע בשלזיה התחתית. בהתחלת ינואר 1946 בקרתי במעון הזה וראיתי באיזו מסירות נפש ואהבה אמהית טיפלה דורקה בילדים האלה שניצלו בנס מצפרני הנאצים, אצל נזירות במנזרים או אצל אכרים פשוטים בעלי רחמים, ונמסרו ע"י אנשי הבריחה ואנשי ג'וינט לידיה הטובות של דורקה.

בהתחלת שנת 1948 הועברו הילדים מפולין לאוסטריה. משם לאיטליה, ואחר כך ארצה. כאן למדה דורה עברית באולפן בורוכוב. אחרי כן התקבלה לעבודה בסוכנות היהודית, שם המשיכה לעבוד עד שיצאה לגימלאות. הקשר עם הילדים האלה, חניכיה של דורקה לא נותק. הם כבר כעת בעלי משפחות, רובם אנשי צבא, ובשנת 1972 בכנס של "הילדים" האלה בארץ הם רשמו את דוריקע בספר הזהב של הקרן הקיימת. אחרי שיצאה לגימלאות עבדה בהתנדבות בהגשת עזרה לעולי רוסיה. היא היתה מלאה מרץ ותמיד היתה מוכנה לעזור לזולת.

נפטרה בתאונת דרכים קטלנית בגיל 67, השאירה בת נשואה, אחות וגיס, נכד ונכדה, שיבדלו לחיים ארוכים.

כל מי שבא אתה במגע כלשהו נקשר לקסמי אישיותה בקשרי אהבה וכבוד, עד לידי הערצה.

סוד ההערצה טמון בשלמות שקרנה ממנה. יפיה החיצוני, הצנוע והדיסקרטי, חן האלגנציה החרישית שלה, טעמה הטוב בכל הליכותיה, האיזון האידיאלי והריסון העצמי שלה, שבאו לידי ביטוי בתנועותיה כמו בדיבורה, תאמו להפליא את היופי הפנימי שלה: טוהר נפשה, מדותיה התרומיות, אהבתה לבריות, לאמת וליופי וסלידתה העמוקה בפני כל שפל ונבזה. שלמות זו לא יכלה לשאת כל סדק בין הדיבור והמעשה, לא אצל אחרים ולא - ובכך עיקר חשיבותה - אצל עצמה.

שלמותה היא גם המפתח לכל פעולותיה. חייה הגלויים אחרי השואה והאסון הפרטי ביותר שפקד אותה בה: אבדן בעל נעוריה - חנא איזנשטיין. היא לא נישאה בשנית, כי לא יכלה לשאת את המחשבה של חבלה בקשר האמיץ עם הרע האהוב ולא יכלה לשאת את המחשבה להכניס לחיי הבת הקטנטונת אלמנט אנושי זר: אב חורג.

ומן השלמות - פעולתה המבורכת אחרי שחזרה מברית המועצות, ששם עשתה בימי מלחמת העולם. היא הקדישה את כל עצמה - מבחינת הגוף כמו מבחינת הנפש - לילדים פליטי-יתומי השואה. לא היה גבול למסירותה לילדים מוכי הגורל. לא ידעה יום ולא לילה, לא היתה לאות ולא היה שום דבר, שהיה מפריע לה להתמסר כליל - לילדים. יחד עמהם - ועם שרה וברוך ברק גיסתה וגיסה - נדדו מפולין, דרך אוסטריה ואיטליה לארץ ישראל, בקשיים על-אנושיים, במריטת עצבים ובכל עשיות המפרכות את הגוף. ואף בהיות הילדים כבר בארץ לא ניתקה את קשריה אתם. והילדים שילמו לה בעין יפה: אהבה ומסירות תחת אהבה ומסירות. וכאשר נקלטה בארץ באחד המשרדים בסוכנות היהודית, המשיכה ללכת בדרכה שלה. עבודתה היתה לסמל ולדוגמה במסירות אין-קץ, באחריות עילאית, בכל המידות הטובות, שאזרח הראוי לשם זה חייב בהן.

ואף לרגע אחד לא סטתה דורא-דבורה איזנשטיין מדרכה: עודלפני שיצאה לפנסיה רתמה את עצמה לפעולה - וכמובן בהתנדבות - למען עולי ברית המועצות, והמשיכה בדרכה זו עד אחרון ימיה -דרך המסירות ואהבה לחברה, לעם.

★★ ★ ★★

## פרידה רובינפיין ז"ל



פטירתה של פרידה רובינפיין (ערב יום העצמאות תשל"ז 20.4.77) היא אבדה קשה לא רק לבני משפחתה וידידיה הרבים. עם הסתלקותה נעלמה עוד דמות מקורית נדירה של אישה בה התמזגו תרבות במובנה הקלסי והתכונות הנעלות של השקפות-עולם יהודית ואוניברסלית, רגישות לצדק הצרוף והערצה לאומנות, יופי והרמוניה. כל זה לצד נכונות אישית אבסולוטית להקרבה למען הכלל והזולת.

פרידה הגיעה לקרמניץ בשנת 1920. לאחר שהיא ובעלה, הוריה ובני משפחתה נמלטו בחומר כל מרדיפות השלטונות הקומוניסטיים מחד והפורעים ה"לבנים" מאידך (הוריה של פרידה, אהרון ובילה שצ'ופק היו עד למהפכה הקומוניסטית אנשים אמידים מאד).

עם סיום מלחמת העולם השניה, בה נספו ששת המיליונים של בני ישראל ובתוכה כל משפחתה של פרידה, השתכנה פרידה, בעלה צבי ובתם היחידה דוזיה בעיירה לובבקה קרוב לגבול צ'כיה, כשביתם הפך למרכז פעולות ציוניות.

ב-1948, לאחר הכרזת המדינה, יצאה משפחת רובינפיין יחד עם צעירים מגוייסים לצה"ל על סיפון האניה "בנובסקי" בדרכם ארצה. בארץ עברו את כל קשיי הקליטה כשפרידה נושאת בעיקר העול: בעלה מחליט לשכנע את המוסדות בחשיבותם של גידולי שדה (ואינו מרויח בינתיים) והבת דוזיה משתלמת במקצוע המיקרוביו-לוגיה וגם זה כרוך, בהוצאות... פרידה מוכרת שארית תכשיטיה ואף עובדת בקטיף. מאוחר יותר היא מפתחת לול כדי לעזור לפרנסת המשפחה. פרידה לעולם לא נכנעה למצבים קשים והשכילה להחלץ מהם.

לפני כ-3 שנים החלה לכרסם בפרידה היפה (יופיה היה מן המפורסמות בין מכריה) מחלה קשה. היא לא נכנעה ובאופיה החזק והנדיר נאבקה במר גורלה. במשך התקופה האומללה שמרה על כל הרגליה הנאים - בעלת בית ומארחת להפליא. גם בהיותה רתוקה למיטת חולייה, כשכאבים מכרסמים את גופה, במשך חדשים בביתה, המשיכה בקריאת ספרים והעתונות. רק הקרובים ביותר, והיא עצמה, ידעו על מצבה הקשה. אנשים שבאו לבקרה לא העלו על הדעת שימיה של פרידה ספורים.

אופייה, תבונתה ואצילותה עמדו לה עד לנשימתה האחרונה.

★★ ★ ★★

מאנוס גאלדענבערג



## זלמן פעסיעס ז"ל

דעם 17 מאי, היי יאר, כ"ט בסיוון תשל"ז, איז אין קרעמעניץ געשטארבן זלמן פעסיס, דער זון פון הערש פעסיס ז"ל. אין עלטער פון 63 יאר. די טרויעריקע ידיעה איז אנגעקומען צו זיין שוועסטער אין ישראל אין א בריוו פון דלמנ'ס פרוי.

זלמן איז, קורץ נאכן באזיכן זיך פון די סאוועטן אין קרעמעניץ, מאביליזירט געווארן. נאכדעם ווי די דייטשן זענען אנגעפאלן אויף רוסלאנד, איז ער געשיקט געווארן אויפן פראנט. די מלחמה האט ער דורכגעמאכט בשלום. און ווען ער איז אין 1945-טן יאר דעמאביליזירט געווארן, האט ער זיך באזעצט אין חרוב-געווארענעם קרעמעניץ, ווי ער איז אריינגענומען געווארן אלס חבר אין א שניידער ארטעל. ער האט קיינעם פון זיינע קרובים דארט ניט געפונען. א טייל פון זיי זענען אומגעבראכט געווארן, צוזאמען מיט אלע קרעמעניצער יידן. און א טייל, ווי ער האט זיך צופעליק דערוואוסט, האט זיך געראטעוועט און זיך געפונען אין מיטל-אזיע.

מיט דער צייט האט ער חתונה געהאט מיט העדא מאקאגאן, וועלכע האט דאן געהאט א יינגעלע פון ערשטן מאן. ס'איז בא זיי נאכער געבוירן געווארן נאך א זין. ווען די זאן זענען אויסגעוואקסן, האבן זיי, ווי אנדערע אין זייער עלטער, פארלאזט די שטאט.

די פעסיסעס זענען געבליבן וואוינען אין זייער גערוימען וואוינונג, אויף דער דובנער ראגאטקע, וועלכעס זיי האבן געקריגן פון דער געהעריקער אינסטאנץ. זלמן האט אין זיינע בריוו צו די קרובים אין ישראל, זיך קיינמאל נישט געקלאגט אויף וועלכער ס'איז נויט. דאך האבן זיי פון צייט צו צייט אים אריינגעשיקט א פעקל. ער האט איינציקע מאל באזוכט זיין קוזינע, רבקה פעסיס, אין ווארשע. אויף זיין לעצטן וויזיט צו איר, ניט לאנג פאר זיין טויט, האט ער פון דארט טעלעפאנירט צו זיין שוועסטער מאשע אין רמת אביב. רבקה האט אויך באזוכט זלמנען און זיין פרוי אין קרעמעניץ. נאך איינעם פון אזעלכע וויזיטן אין יולי 1966, האט רבקה צוגעשיקט פון ווארשע אין דער רעדאקציע פון אונדזער זשורנאל א שיינע אבער זייער טרויעריקע פארצייכענונג, ווי זי האט אויספירליך געשילדערט דאס אויזען פון דער שטאט אין דער צייט פון איר ווײַלן דארט. די פארצייכענונג איז דערשינען אין ערשטן נומער "קול יוצאי קרמניץ" זייטל 25, אונטערן מאטא: "תבוא כל רעתם לפניך, ועולל למו כאשר עוללת לי" (איכה אי כ"ב) - "זאל קומען אל זייער בייז פאר דיר, און טו צו זיי אזוי, ווי דו האסט צו מיר געטאן (איבערזעצט פון יידיש דורך יהואש).

טרויעריק איז צו הערן, ווען ס'גייט פון אונדז אויף אייביק אוועק איינער פון אונדזערע לאנדסלייט דא אדער אין אויסלאנד, אבער נאך מער טוט וויי, ווען דאס געשעט אין קרעמעניץ, וואו עס וועט באלד קיין איין און איינציקער ייד ניט בלייבן!!

זלמן האט איבערגעלאזט זיין פרוי, די צווי זין און אייניקלאך אין רוסלאנד און צוויי שוועסטער מיט א יונגערן ברודער אין ישראל.

יהיה זכרו ברוך!

מיר דערוויסן זיך אז צווי טעג פאר זלמנ'ס טויט איז אין קרעמעניץ געשטארבן איינער א. כץ, א קצב, פון דער דובנער ראגאטקע. מיר דערווארטן איינצעלהייטן וועגן אים, כדי ווי געהעריק אים אין אונדזער זשורנאל דערמאנען.

יהיה זכרו ברוך!

★★ ★ ★★

ש. טייטלמן

## בינה בן-הרי (בליט) ז"ל



למדה בגימנסיה בקרמניץ בשנת 1935. נסעה לארץ ישראל להמשיך לימודיה בבי"ס חקלאי לבנות בנהלל. בשנת 1940 התחתנה עם צבי בן-הרי. ב-1956 נסעו לאמריקה לאחיו של צבי. שהו שם עד 1913 וחזרו ארצה.

בשנים 1940-1936 עבדה קשה בכל מיני עבודות.

עברה ניתוח לב פתוח, לאחר שסבלה ממחלת לב. הניתוח הצליח והיא הרגישה טוב כל השנים. לפני כמה חדשים, בבדיקות רפואיות, קבעו הרופאים כי עליה לעבור נתוח בשנית. הפעם הניתוח לא הצליח וב-10/7 נפטרה בבי"ח בילינסון.

בינה היתה תמיד ערה לצרכיו של הזולת, בעלת לב-טוב, מוכנה תמיד לעזור. יחסה לאנשים התבטא במספר מלוויה לדרכה האחרונה. בת 64 היתה במותה.

זכרונה תמיד יהיה אתנו.

★★★

★★★★ ★★★★

יהושע גולברג

## ליוניה גוכברג ז"ל



גולד בקרמניץ. למד בטכניון בפטרבורג. בשנת 1917 כשפרצה המהפכה הבולשוויסטית חזר הביתה, יחד עם אמו גיטל גוכברג ניהל את הסוכנות של אחים נובל לשיווק נפט ובנזין בקרמניץ והסביבה. משנת 1939 כשהרוסים כבשו את מערב אוקראינה, עבד כתור מהנדס בעיר לבוב - בסלילת הכביש הגדול המחבר את לבוב עם קיוב. בימי המלחמה היה עם אשתו ברוסיה, ובתום המלחמה חזר לפולין, גר בעיר ולדנבורג והיה פעיל שם בארגון הציוני בשם "איחוד". בשנת 1951 הגיע ארצה ונתקבל לעבודה ב"מלבן", שם עבד עד שיצא לגימלאות. נפטר בגיל 74. הניח אישה.

היה ידוע בעירנו כיהודי גאה. בקרמניץ השתולל בשנות השלושים שתיין ואנטישמי ידוע, בוצ'ק היה שמו ופעם אחת לפנות ערב טייל להנאתו ליוניה הוכברג על המדרכה על יד מלון בריסטול. בוצ'ק שהיה כנראה בגילופין, עמד נשען על עמוד החשמל וכשראה את יוניה מתקרב, התחיל להשמיע באזניו סיסמאות אנטישמיות. ליוניה לא חשב הרבה, הסתובב על עקבותיו ונתן לבוצ'ק סטירת לחי מצלצלת. זמן רב דברו בקרמניץ על האירוע הזה.
"הגיבור" בוצ'ק היה מוכה הלם והסתלק.



★★★★★★★★★

מ. גולדנברג

## צבי בר-תנא ז"ל

צבי בר-תנא, בעלה של בת-עירנו ציפורה, מהבית ליטבק, נפטר השנה באופן פתאומי בגיל 68. קורות חייו, החל מילדותו, כרוכים בתקופות שונות בחיי עמנו, ביניהם כאלו שרבים בתוכנו לא מכירים אותן.

צבי נולד בעיירה קטנה בליטא, במשפחה מסורתית. בהיותו בן שש פרצה מלחמת העולם הראשונה. המפלות הגדולות של הצבא הרוסי לאורך החזית הגרמנית הביאו איתם את הגזירה, מטעם שלטונות הצאר, על גירוש המוני היהודים, הגרים בקרבת החזית לתוככי רוסיה, פן יתווספו גם הם, כביכול, לשונאיהם.

עשרות אלפים של יהודים הועמסו בחיפזון לתוך קרונות בקר והובלו בתנאים איומים הרחק לעורף. המסע הזה נמשך ימים רבים.

במקום, לשם הגיעה משפחתו של צבי, מת אביו מטיפוס הבטן. היתה זאת מגפה, שהפילה חללים רבים מקרב המגורשים. אימו נשארה אלמנה עם 4 ילדים קטנים. צבי, אז בן שמונה, נאלץ לעבוד בבית-חרושת, כדי לעזור בקיום המשפחה. כשחזרה המשפחה בתום המלחמה לעיירתם, מצאוה הרוסה. בעמל רב ובסיוע המוסדות היהודיים באמריקה עלה בידי תושבי העיירה להקים את הריסותיה, והחיים שם חזרו לאט למסלולם. צבי נעשה פעיל בתנועת הנוער הציוני, ואחרי שרותו הסדיר בצבא הליטאי, יצא להכשרה חלוצית בעיר הנמל ממל.

בשנת 1935 הוא עלה ארצה. כשנבנה, אחרי פרוץ מאורעות 1936, נמל תל-אביב, היה צבי בין ראשוני הפועלים בו.

הרבה מזמנו ומרצו מסר צבי לפעילותו בהגנה, וכשבאה פניית המוסדות בארץ להתגייס לצבא הבריטי, הוא היה בין ראשוני המתנדבים. יחד עם עוד בחורי ישראל, הוא לחם בשורות הבריטים נגד צבא רומל בתנאים הקשים של המדבר הגדול. בכל חופשה, שהיה מקבל, הוא הביא איתו פריטי נשק להגנה. והיה כבר מי שידאג לכך, שחופשותיו תהיינה תכופות....

עם סיום המלחמה, התחיל צבי לעבוד בסוכנות והמשיך שם עד יציאתו לגימלאות לפני 3 שנים. כל שנותיו בארץ גדושות בפעולות ציבוריות שונות. אחרי שהתחתן עם ציפורה, בשנת 1947, היה משתתף יחד איתה, כמעט, בכל האירועים של אירגוננו ולא פסח על אף אזכרה שנתית לקדושינו. היו אף כאלה בינינו שחשבוהו לקרמנצאי.

צבי השאיר אחריו את ציפורה, את בנו יחידו מאשתו הראשונה ז"ל עם אשתו ושלושת ילדיהם ואת אחיו הצעיר ממנו עם משפחתו.
מותו הפתאומי השיג אותו 4 ימים לפני הבר-מצווה של נכדו הבכור.

יהיה זכרו ברוך!

ליקט - י. רוכל

# פסיפס

## הכלל והפרט

### לזכרו של פסח ליטב ז"ל

במלאות שנתיים לפטירתו של פסח ליטב התקיימה בת"א אזכרה וחלוקת מילגות, מטעם חברת יק"א, אשר בה פעל ליטב תקופה ארוכה, במיוחד - ביסוד מושבי עובדים בדרום הארץ ובעזרה לפיתוחם. הקרן למילגות הנושאת את שמו נוסדה לפי צוואתו של המנוח ויש בה כיום 70 אלף ל"י, משלושה מקורות: העיזבון שהמנוח ציודה למטרה זו, סכום שנתרם ע"י חברת יק"א, וסכום שנתרם ע"י סניף בנק לאומי לישראל שהיה עומד בקשרים עם ליטב.

דברים חמים לזכרו של המנוח נאמרו ע"י מר פארן, מנהל יק"א, ע"י מרת זושיה קמפלר, מזכירתו לשעבר של ליטב, וע"י בנו.

בגמר האזכרה חולקו שלוש מילגות, 3,000 ל"י כל אחת, לסטודנטים מתחילים מאוניברסיטת תל-אביב ואחד ממקבלי המילגות אמר דברי ברכה בשמם.

☆☆ ☆☆☆☆ ☆☆

### מנוס גולדנברג בן 75

באמצע ישיבת הועד שלנו, בנובמבר 1976 , הופיעו רעייתו חנה ובתו לולה ואיתן תקרובת, לכבוד מלאות 75 שנה לידידנו-יקירנו מנוס, אז ניגלה לנו הסוד, שהיה כמוס עד אותו יום. חברי הועד הופתעו, אמרו דברי הערכה למנוס, לאפיו, אשר ביסודו - "רחמנא ליבא בעי", העתירו ברכות לחתן-היובל ולמשפחתו ואיחלו לו בריאות, אריכות ימים ופעילות ערה, כאביר הרוחני של ארגון קרמניץ.

☆☆☆☆☆☆☆☆

### צבי ברנשטין חזר מארגנטינה

חבר הועד שלנו, צבי ברנשטין, שעשה בארגנטינה קרוב לשנתיים חזר ארצה בשעה טובה עם רעייתו בסוף אפריל 1977. בתקופת שהותו בארגנטינה הוא היה פעיל

בלאנדסמאנשאפט של יוצאי קרמניץ, ועשה הרבה כדי להחיות את הארגון שהיה במצב ירוד, ואף פעל לעידוד עלייה מבין אנשי קרמניץ. ביום 21.7.77 נערכה לו במועדון שלנו שבסמינר קבלת פנים מטעם הועד בהשתתפות חברים וידידים.
בחוברת זו מתפרסמת במדור "ארגענטינער אפטיילונג", רשימה של הח' ברנשטיין על הנעשה בארגון קרמניץ שבארגנטינה.

☆☆☆☆☆☆☆☆

האזכרה לקדושי קרמניץ

ביום 14 לאוגוסט 1976 התקיימה האזכרה השנתית ברחבה של סמינר הקיבוצים בתל-אביב בנוכחותם של קרוב למאתיים מיוצאי עירנו שהגיעו לאזכרה מכל רחבי הארץ. המנחה היה מנוס, הספיד את בני עירנו שנספו בשואה - יצחק פורטנוי מחיפה. את בני עירנו שנפטרו בארץ בשנה השוטפת הספידו מנוס ויהושע. על הפעילות הפוריה של הארגון שלנו בארץ ועל יוצאי קרמניץ בארצות-הברית דבר דוד רפפורט מניו-יורק. על הצורך להמשיך בהוצאת החוברת "קול יוצאי קרמניץ" דבר מנוס; במלים חמות ונרגשות על הפעילות של הארגון ועל התוכן הרב של החוברת, וצורתה הגראפית דברה דבורה פלדמן מחדרה.

☆☆☆☆☆☆☆☆

ראש העיר קרמניץ לשעבר, יאן בופרע, כיום בלונדון - מברך את יוצאי קרמניץ לקראת שנת 1977

לונדון, 12.1.1977
(תרגום מפולנית)

מר גולברג היקר,
מקרב לב אני מודה לכם ומעריך את העובדה שאחרי כל כך הרבה שנים, יוצאי עירנו עוד זוכרים אותי. אני מרשה לעצמי לאחל לך ולכל בני עירנו בישראל, איחולים לבביים והצלחה בשנת 1977.

אני מבקש את סליחתכם שאחרתי עם האיחולים, אבל בגלל הגיל של (92) אני לא מספיק לעשות את הכל בזמנו, אבל למרות הגיל, אני מרגיש טוב. דרישת שלום מאשתי ומהבת שלנו אירנה, שגרה אתנו.

יאן בופרע (ראש העיר לשעבר).

יהושע גולברג

## קבלת-פנים למר פיירועל בארץ ורעיתו מקאנאדה

ביום 26.4.77 הארחנו במועדון שלנו את מר פיירועל בארץ ואת אשתו שבאו בתור תיירים מקאנאדה, לפי בקשתו של פיירועל הוזמנו למסיבה כל אנשי "דובנער ראגאטקע" הנמצאים בארץ, וכרגיל במסיבות אלו, הועלו זכרונות משולבי הומור שהחיו את ההווי הספציפי של אנשי דובנער ראגאטקע.

מנוס העלה זכרונות כשהיה הולך לדובנער ראגאטקע להריק את הקופסאות הכחולות של הקרן הקיימת והעלה על נס את החמימות שקבלו אותו המשפחות בארשפ, בארץ, ביאלער, טרושינסקי, שניידער, זאלץ ואחרים. המסובים העלו זכרונות איך ובאיזו צורה נפגשו אנשי קרמניץ ברוסיה הרחוקה בימי המלחמה ואיזה צרות ותלאות עברו עליהם עד שהגיעו ארצה.

יהושע סיפר על היחס החם ששמע מפיו של הקורטאר של הליצאום, יולדוש פרניטובסקי. לגבי משפחת בארץ, שהיה להם מחסן של עצים וקרשים מהטארטאק (מנסרה) של הליציאום בסמיכות.

בלחיצות ידיים חמות נסתיימה המסיבה שנערכה לכבוד אורחינו היקרים בני-עירנו מקאנאדה.

<u>ניצנים של העתונות העברית, 1691-1856</u>. ד"ר מנוחה גלבוע סיימה את עריכת החלק הראשון של ספרה המוקדש לחקר העתונות העברית בתקופת ההשכלה. הספר מכיל 120 עמודים בפורמט קווארטא, ועל אף תכנו הרציני הוא נקרא בשטף וראוי לעיונו של כל אדם משכיל. הוצאת הספר נתאפשרה הודות למילגה דו-שנתית מטעם "קרן המילגות של ארגון יוצאי קרמניץ לעבודות מחקר בספרות ההשכלה".
ד"ר גלבוע ממשיכה לעבוד בחקר התקופה שלאחר 1856, ואנו מאחלים לה שתקדם ותסיים את חקר הנושא.
המו"ל של הספר הוא מכון כ"ץ לחקר הספרות העברית ליד אוניברסיטת תל-אביב.

י. רוכל - יידיש - חנה גאלדענבערג

## פארשיידענעס

**אן אזכרה נאך פסח ליטב (ליטוואק) ז"ל**

צום צווייטן יארצייט פון פסח ליטב איז אין תל-אביב איינגעארדנט געווארן אן אזכרה. דארט זענען אויך פארטיילט געווארן סטיפענדיעס דורך דער געזעלשאפט י.ק.א. וואו ליטב איז געווען א לענגערע-צייט א טיכטיקער אנפירער.

דער סטיפענדיע פאנד, וואס טראגט ליטב'ס נאמען איז געשאפן געווארן לויט דער צוואה פון אים. אין דעם פאנד האבן אנטייל גענומען די געזעלשאפט י.ק.א. און די אפטיילונג פון "בנק לאומי לישראל" מיט וועלכער ליטב איז געווען פארבונדן.

מיט ווארעמע ווערטער האט דעם פארשטארבענעם דערמאנט דער פארוואלטער פון י.ק.א. און אנדערע. צום שלוס פון דער אזכרה זענען צוגיטיילט געווארן דריי סטיפענדיעס פון 3000 ל"י פאר יעדן סטיפענדיאנט. איינער פון די סטיפענדיאנטן, א סטודענט פון תל-אביבער אוניווערסיטעט, האט געדאנקט אין נאמען פון אלע.

☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆

**מנוס גאלדענבערג א בן 75.**

אויף איינע פון די זיצונגען פון דעם ועד פון אונדזער אירגון, ענדע סעפטעמבער 1976, איז פלוצעם אנטפלעקט געווארן דער דאזיגער סוד וועלכער איז פאר אונדז פארבארגן געווען ביז דעמלט. גאר אומדערוואַרטעט פאר אלעמען, איז אינמיטן דער זיצונג פון ועד דערשיינען זיין פרוי חנה און די עלטערע טאכטער זייערע ליליה, זיי האבן מיט זיך געבראכט א רייכן כיבוד און דערביי, צו אלעמענס סיורפריז, אנדעקט דעם סוד. די מיטגלידער פון ועד האבן אין זייערע באגריסונג-רעדעס געגעבן אן אפשאצונג פון מאנוסעס טעטיקייט לטובת דעם אירגון און זיין טייל אין אפהיטן דעם זכר פון אונדזער אלטער היים, ווי אויך פון זיין כאראקטער, וואס איז אין גרונד "רחמנא ליבא בעי" "גאט זוכט דאס הארץ".

די חברים האבן מיט זייער ווארעמע רעד געשאנקען פיל ברכות דעם חתן-היובל מיט זיין משפחה, אים געוואונטשן אריכות ימים, און א ווייטערע, פרוכטפולע טעטיקייט אין אונדזער אירגון, פון וועלכן ער איז דער גייסטיקער פאטער.

צבי בערענשטיין האט זיך אומגעקערט פון ארגענטינע.

אונדזער מיטגלידער פון ועד צבי בערנשטיין, וועלכער האט צוזאמען מיט זיין פרוי אין משך פון צוויי יאר געווײלט אין ארגענטינע, האט זיך, אין א גוטער שעה, אומגעקערט קיין ישראל. אין פארלויף פון זיין ווײלן אין בואינאס-איירעס האט ער פיל אויפגעטאן, כדי אויפצולעבן אונדזער לאנדסמאנשאפט פאראיין דארטן. א דאנק זיינע באמיאונגען איז אים, צוזאמען מיט מרדכי כץ, חיים פייער און אנדערע אקטיווע מיטגלידער פון פאראיין, געלונגען צו שאפן א באדייטנדע סומע געלט (לויט די באגריפן פון דער ארגענטינער אינפלאציע) פארן "ארגון יוצאי קרמניץ בישראל."

דעם 20.7.77 איז אין אונדזער לאקאל "סעמינאר הקיבוצים" אפגעהאלטן געווארן א ווארעמע קבלת פנים לכבודו און לכבוד זיין פרוי ליזה. אין איצטיקן נומער ק.י.ק. איז אין דער ארגענטינער אפטיילונג פארעפנטליך געווארן בערענשטיין'ס א ברייטערער באריכט וועגן דעם מצב פון קרעמעניצער לאנדסלייט פאראיין אין ארגענטינע.

☆☆☆☆☆☆☆☆

די יערליכע אזכרה פאר די קדושים פון קרעמעניץ.

דעם 14-טן אוגוסט, 1976, איז אין "סמינר הקבוצים" פארגעקומען די יערליכע אזכרה אונדזערע, אויך דאס מאל זענען זיך צונויפגעקומען בא די 200 לאנדסלייט פון אלע עקן ישראל. די ווארעמע אטמאספער פון באענטקייט, געמיינזאמע זכרונות און געמיינזאמען טרויער נאך די אומגעבראכטע,האט ווי אלעמאל געהערשט ארום. אנגעפירט מיט דער אזכרה האט מאנוס גאלדענבערג. און מספיד געווען די פארשניטענע קהילה האט יצחק פארטנאי פון חיפה. מאנוס און שיקע גאלבערג האבן מספיד געווען די קרעמעניצער, וואס זענען, לצערנו, געשטארבן אין לויפנדן יאר. אונדזער חבר דויד ראפאפארט פון ניו-יארק האט איבערגעגעבן וועגן די קרעמעניצער דארט . ער האט אנגעוויזן אויף דער ריכטיקער באדייטונג פון אונדזער זשורנאל "קול יוצאי קרמניץ" פאר די קרעמעניצער אומעטום. מיט ווארעמע, רירנדע ווערטער האט דבורה פעלדמאן פון חדרה זיך אפגעשטעלט אויף דעם רייכן אינהאלט פון אונדזער זשורנאל, ווי אויך זיין שיינעם גראפישן אויסזען. זי האט שטארק געדאנקט די, וועלכע געבן אפ אזוי פיל צייט און ענערגיע לטובת דער טעטיקייט פון ארגון, מיט וועלכן די קרעמעניצער זענען אזוי שטאלץ.

☆☆☆☆☆☆☆☆

דער געוועזענער קרעמעניצער בירגעמייסטער, יאן באפרע, ווענדט זיך צו די קרעמעניצער אין ישראל מיטן נייעם יאר פון 1977.

(איבערגעזעצט פון פויליש)

לאנדאן 12.1.1977

טייערער הער י. גאלבערג,

פון טיפן הארצן דאנק איך די קרעמעניצער אין ישראל, וואס, נאך אזוי פיל יארן, האבן נישט פארגעסן אין מיר. איך דערלויב מיר וואונטשן אייך און אלע קרעמעניצער אין ישראל די הערצליכסטע וואונטשן פון געזונט און הצלחה צום נייעם יאר, 1977.

איך בעט מיר מוחל זיין פאר פארשפעטיקן מיט די וואונטשן. איר מוזט אבער נעמען אין אכט מיין עלטער! (92) וואס דערלויבט מיר נישט צו טאן אלעס צו דער צייט. אבער נישט קוקענדיק אויף אט דער עלטער מיינער, פיל איך מיך גאנץ גוט.

מיין פרוי און טאכטער, אירענא, וואס וואוינט מיט אונדז צוזאמען, גריסן אייך פריינטליך.

( - ) יאן באפרע

☆☆☆☆☆☆☆☆☆

אויטא אקצידענט פון ד. ראפאפארט

אייניקע טעג נאך דער יערליכער אזכרה אונדזערער, איז וועלכער ד.ראפאפארט איז ארויסגעטרעטן מיט א באריכט וועגן דער קרעמעניצער סאסייעטי אין ניו-יארק, איז ער אפגעפארן קיין ירושלים. ער האט דארט אנטייל גענומען אין דער פייערליכער דערעפנונג פון אלוועלטליכן קאנגרעס פאר יידישער קולטור.

ארויסגייענדיק פון זאל, אויפן וועג צום אוטאבוס, איז ער אומגעווארפן געווארן דורך אן אנלויפענדן, פריוואטן אויטא. ער איז פארוואונדעט געווארן און פארלוירן דעם באוווסטזיין.

אייניקע וואכן איז ראפאפארט געליגן אין "הדסה" שפיטאל אין ירושלים, באנדאזשירט פון די פיס ביזן שפיץ קאפ. א היים, קיין ניו-יארק, איז ער געפלויגן, נאך ניט קיין אויסגעהיילטער. דארט איז ער געליגן ביי זיקן זון עטליכע וואכן. כאטש ער ארבייט שוין צו ביסלאך, איז ער נאך ניט

פולקאם אויסגעהיילט. מיר וואונטשן אים און אויך זיין קראנקן זון א רפואה שלמה.

אין היינטיקן נומער אונדזערן געבן מיר ראפאפארט'ס א ליד, וועלכעס איז דערשיינען אין "יום-טוב בלעטער", א זשורנאל אין דרום אפריקע.

★★★★★★★★★

יהושע גולברג

## א קבלת פנים פאר פייוול באראץ און זיין פרוי

דעם 26.4.77 האבן מיר אויפגענומען אין אונדזער לאקאל געסט פון קאנאדע, אונדזער לאנדסמאן פייוול באראץ און זיין פרוי. לויט דער בקשה פון פייוולן, האבן מיר אויף דער קבלת פנים איינגעלאדן זיינע פריינט פון דער דובנער ראגאטקע, מיט וועלכע ער האט פארבראכט זיינע קינדער-יארן און יוגנט.

די בעגעגניש צווישן אים און זיי איז געווען א רירנדע. אלע האבן ארויפגעבראכט איינגענומענע זכרונות פון יענע יארן אין פארשיידענע קוריאזן פון די שול יארן.

מאנוס האט דערציילט וועגן זיינע האפטע שפאצירן צו דער באן אין זיינע קינדער יארן און וועגן די ווארעמע אפרופן פון די דובנער-ראגאטקע יידן אויף אלערליי ציוניסטישע געלט-זאמלונגע, ווען ע ר פלעג זיי באזוכן. יוסף זאלץ און באריס שטערן האבן אין א הומארפולן גייסט דערציילט וועגן זייער איבערלעבונגען אין רוסלאנד בשעת דער מלחמה און צופעליקע באגעגעניש פון די אנוועזנדע איינער מיטן אנדערן אין ווייטן טשעליאבינסק און אנדערע פלעצער.

יהושע גאלבערג האט דערציילט וועגן דער ווארעמער באציונג פון ליצעאום-קוראטאר, יוליוש פאניאטאווסקי, צו דער פאמיליע פון באראץ, וועלכע האבן געהאט א סקלאד פון האלץ, וואס דער סמיגער טארטאק האט זיי צוגעשטעלט. דער טארטאק האט געערט, מוז מען וויסן, צום ליצעאום. פונקט ווי דאס באגעגנען זיך מיט די אנוועזנדע אויף דער מסיבה אזוי אויך ראס געזעגנען זיך, איז געווען זייער רירנד.

# מזל טוב

- לגדליהו ושוליה קינדזיגר, להולדת הנכדה, בת לדינה ובעלה חיים לנצ'וצקי בחדרה.

- לבצלאל ואירנה גולברג, להולדת הנכד, יונתן , בן לאילנה ומרדכי גרושקו, בחיפה.

- ליהודית שטרן-רוזנטל, להולדת הנכדה מאיה, בת לבנה לב ורעיתו לנה בירושלים.

- ללאה צור (ליפטמן), ק' גבעת השלושה, להיוולד הנינה ליהי, בת לנכד שלה עומר ורעיתו אסנת, בגבעת השלושה.

- לאברהם ועטיה חסיד, מושב חרות, להולדת הנכד העשירי, יאיר-יוסף, לבנם נחמיה ואשתו שרה, חרות.

- ליוסף ומרים זלץ, קרית-ביאליק, להולדת הנכדה, כנרת, בת לרחל ויוסף גרובר, קרית-ביאליק.

יעמדו כולם על הברכה ותרבינה השמחות בקהלנו.

# ת נ ח ו מ י ם

שמחה ברגר ז"ל נפטר השנה במקום מגוריו, בחיפה, בהשאירו אחריו את אשתו ואחיות בגבעת-ברנר וביגור. שמחה היה חבר נאמן ומסור לארגוננו. הקפיד מאוד על כל ההתחייבויות הכספיות שהאירגון מטיל על חבריו. רק לפני שנתיים-שלוש הפסיק לבוא לאזכרות השנתיות, מחמת מצב בריאותו הרופף.

ב"קול יוצאי קרמניץ" י"א, בהספידנו את בן אחותו עטרה, מיכאל ז"ל, שנפל במלחמת יום הכיפורים, סיפרנו על ביתם הפתוח של משפחת אליעזר ברגר בקרמניץ, אחד מאותם הבתים בעירנו, שחייהם היום יומיים וחגיהם היו כרוכים בעשייה למען התנועה הציונית לגוונייה.

השנה נפטר ויקטור צימלס ז"ל, בעלה של מלכה צימלס-קגנוביץ'.
ויקטור תשאיר אישה, בן, בת ונכדים.

ברוך שטיינברג ז"ל, בעלה של צירל שטיינברג-גינצברג מת השנה.
ברוך השאיר אישה, שתי בנות ונכד.

לפני כשנתיים מת שלום שפר, יוצא עיירה ליד פינסק. הוא היה בעלה של מלכה, מהבית טרושינסקי, הוא השאיר, מלבד אישתו, בת ושני בנים ונכדים.

קולטון ז"ל

בני עירנו, המתמידים לבוא לאזכרות השנתיות שלנו, לא ימצאו הפעם את קולטון ז"ל שתמיד היה בא הראשון לסמינר לאזכרה עוד לפני שמגיעים לשם המארגנים. הוא מת עריריר בביתו בחולון. אשתו מתה כשנה וחצי לפניו.

הלל אברך, נהרג בתאונת דרכים בקיבוץ יגור, בנה הבכור של סוסיה אברך-ברגר.
הלל השאיר אישה ושלושה ילדים.
לפני זמן מה נהרג גם אביו של הלל, בעלה של סוסיה, בתאונת עבודה, בחצר המשק.

# ארגענטינער אפטיילונג

## באגריסונג

די פארוואלטונג, די פרויען קאמיסיע און אלע לאנדסלייט פון קרעמעניץ און אומגעגענט געזעגנען הארציק אונדזערע ליבע געסט צבי און ליזע בערענשטיין, וועלכע האבן דא געוויילט קארגע צוויי יאר, באגלייטנדיק זייער ליבן און טייערן זון הערצל ענבר, דעם ראטגעבער ביי דער ישראל אמבאסאדע אין ארגענטינע, ווינטשנדיק זיי א "צאתכם לשלום" אין זייער שטענדיקער היים, מדינת ישראל. מיר דריקן זיי אויס אנערקענונג און דאנק פאר זייער אקטיווער מיטבאטייליגונג אין אונדזער קרעמעניצער ל"ל פאריין אין בוענאס איירעס. מיר ווינטשן אייך א סך געזונטע שעפערישע יארן לטובת דעם קרעמעניצער ל"ל פאריין אין ישראל און לטובת הכלל. פארט געזונט און שיקט אונדז באלד די גוטע בשורה: "שלום על ישראל ועל מדינת ישראל".

ח.צ.בערענשטיין

## איינדרוקן פון מיין רייזע און באגעגעניש מיט די קרעמעניצער לאנדסלייט אין ארגענטינע

שוין א לאנגע צייט האב איך געשטרעבט נאך אמאל זיין אין בוענאס איירעס, ארגענטינע. ערשטנס. כדי צו באזוכן די קרוין אינסטיטוציע פון ב. איירעס, די צענטראלע ביאליק שול, ווי אלע געסט פון ישראל האבן דאס באשטעטיקט, צוליב אירע מאדערנע, נאציאנאלע דערציערישע דערגרייכונגען. אלס פארוואלטער אין משך פון 25 יאר ביז מיין עולה זיין קיין ישראל, האב פיל מיטגעהאלפן צו אירע דערגרייכונגען, וואס האבן באקומען א שם אויסער די גרענעצן פון ארגענטינע, אפילו אין ישראל. צווייטנס. כדי זיך טרעפן מיט מיינע לאנדסלייט פון קרעמעניץ, ווי כ'האב פארנומען פיל יארן דעם אמט פון סעקרעטאר און געשאפן די פארבינדונג פון אונדז מיט דעם ארגון אין ישראל. ענדליך איז געקומען דער מאמענט, וואס מיין שטרעבונג איז פארווירקלעכט געווארן, אדאנק מיין זון

וואס פארנעמט דעם אמט פון סעקרעטאר פון אונדזער שגרירות אין ארגענטינע.
אויך האב געדארפט אנוועזנד זיין אויף דער "בר-מצוה" פון מיין אייניקל אין
פארטא-ריקא. אין משך פון מיין אפוועזנהייט איז בוענאס איירעס שטארק
מאדערניזירט געווארן, אבער זי איז ניט סטאביל, פאליטיש און עקאנאמיש. נאכ'ן
טרעפן זיך מיט מיין זון, משפחה, פריינט און באקאנטע, האב איך מיט מיין פרוי
באזוכט די ביאליק שולע, ווו די דירעקציע און לערער פערסאנאל האט אונדז
זייער ווארעם אויפגענומען. אבער, ליידער האב די שולע געטראפן ניט ווי
כ'האב זיך פארגעשטעלט. צוליב פאליטישע און עקאנאמישע ענדערונגען האט די
שולע געמוזט ווערן אנאינטעגראל-שולע אונטער דעם אויפזיכט פון רעגירונגס
אינספעקציע. אבער דאך, ווען כ'האב א צווייט מאל באזוכט די שולע, אין יום-
העצמאות פייערונג, האט זיך מיר געדאכט, אז איך געפון זיך אין ישראל, צוליב
דעם רייכן אינהאלט און פליסיקן עברית. מיין אנגעשטרענגטע ארבעט לטובת דעם
אנשטאלט איז כדאי געווען און האט געבראכט און ברענגט גוטע רעזולטאטן.
באלד נאך מיין קומען האב זיך פארשטענדיקט מיטן חבר מרדכי כ'ץ און פרוי ציפע,
וואס איז דער אדרעס פונ'ם קרעמעניצער פאראיין. און ס'איז געבליבן אז באלד
נאך מיין אומקערן פון דער בר-מצוה, וועלן מיר זיך צוזאמען אנשטרענגען צו
אקטיוויזירן די טעטיקייט פונ'ם פאריין, וואס איז שטארק אפגעשוואכט געווארן.

אין סעפטעמבער 1975 בין איך ווידער אין ארגענטינע, און גלייך איז איינגעארדענט
געווארן א זיצונג פון פארוואלטונג פון קרעמעניצער פאריין. ווו איך מיט מיין
פרוי זענען זייער ווארעם אויפגענומען געווארן. איך האב זיי דערציילט וועגן
דער ישראל'דיקער ווירקלעכקייט און וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער ארגון אין
ישראל, און פארגעלייגט מאכן א גרעסערע אנשטרענגונג, כדי צו פארשטארקן די
טעטיקייט פון פאריין און שאפן א באדייטענדע סומע לטובת דעם ארגון אין ישראל.
אין דער דעבאטע האבן זיך באטייליקט כמעט אלע ביירועזנדע. ענדליך איז באשלאסן
געווארן ווידמען די גרויסע אונטערנעמונג, דעם 50-יעריקן יובליי פון
קרעמעניצער פאריין אין ארגענטינע, מיט א פאסענדן פראגראם און ארויסגעבן
א ספעציעלן ביולעטין, מיט א ווענדונג צו שאפן א באדייטענדע סומע לטובת דעם
ארגון פון ישראל, און דערמיט אויך אנהייבן פארשטארקן די טעטיקייט פון פאריין.

אלע בייזעזנדע האבן זיך פארשריבן צו פארשידענע ארבעטן. עס איז אויף דעם פלאץ געשאפן געווארן א פאנד, ווי אלע האבן זיך באשטייערט, כדי דערמעגלעכן דורכפירן די גראנדיעזע אונטערנעמונג, וועגן וועלכע ס'איז שוין אפילו געמאלדן געווארן אן דער יידישער צייטונג "די פרעסע", די איינציקע טאג צייטונג אין ארגענטינע אויף יידיש, אבער ליידער, צוליב געוויסע סיבות האט די אינטערנעמונג ניט געקאנט דורכגעפירט ווערן.

נאך די וואקאציעס וועלכע דויערט אין ארגענטינע אנ'ערך דריי מאנאטן איז אין אויגוסט דורכגעפירט געווארן די יערליכע אזכרה, מיטן אנטייל פון א באדייטענדער צאל קרעמעניצער. נאכן "אל מלא רחמים" האב איך גערעדט וועגן דעם גרויסן אומגליק און חורבן פון אונדזער פאלק בכלל, און בפרט פון יידישן קרעמעניץ, און דעם גרויסן זכות וואס אונדזער דור האט דערלעבט: די אנטשטייאונג פון מדינת ישראל. כ'האב אויפגעפאדערט אלע בייזעזנדע מיט-העלפן אין ארויס געבן די העפטן "קול יוצאי קרמניץ" און פארשטארקן די טעטיקייט פון דעם פאריין. ס'איז אויך ארויסגעטריטן דער חבר ליאון מענגין (פון פאטשאוועו) אין א צייט פון גרויסער אינפלאציע זענען אנגעקומען די העפטן 13. פיל זענען געווען פעסימיסטיש וועגן דער מעגלעכקייט צו פאר-שפרייטן די חוברת און שאפן א באדייטענדע סומע צווישן די לאנדסלייט.
איך האב זיך געמאכט א רשימה פון פיל קרעמעניצער משפחות, און אויף דער פארזאמלונג וואס איז גערופן געווארן האבן זיך באטייליקט אלע וואס זענען פארבעטן געווארן, און איך האב זיי נאך אמאל איבערגעגעבן וועגן אונדזער טעטיקייט און וועגן די פינאנציעלע שוועריקייטן און אנגעשטרענגטע ארבעט פון דער רעדאקציע ביים ארויסגעבן דאס העפט. כ'האב אויך געפאדערט אז דער מינימום פרייז פון העפט זאל זיין 50.000 פעזעס, וואס איז דאן געווען צוויי דאלאר. דאן איז צוטיילט געווארן דאס העפט (נומער 13) און אלע בייזעזנדע האבן זיך באשטייערט. ציפע כץ, פאני גארבער, חיים פייער, קיפערמאן, שפאק האבן גענומען אויף זיך מיטהעלפן ביים באזוכן די אלע פארשריבענע משפחות. די אקציע איז געלונגען נישט קוקנדיק אויף דער אינפלאציע, און ס'איז געשאפן געווארן די סומע פון 100 דאלאר וואס האט באטראפן בערך 2.450.000 פעזעס. איך מוז באטאנען אז אלע פאמיליעס וואס איך האב באזוכט מיט דעם חבר פייער האבן אונדז אויפגענומען פריינטלעך, און זיך גוט אפגערופן וועגן דעם העפט.
די אקציע האט אונדז געגעבן מוט צו טראכטן וועגן א גרעסערע אקציע לטובת דעם ארגון אין ישראל.

מיט א פאר יאר צוריק איז נפטר געווארן די פרוי
פון הער אפטער, א קרעמעניצער פון דער פאמיליע טשודנאווסקי. האב איך באשלאסן
צו ווירקען אז ער זאל פאראייביקן זיין פרוי אין דעם ספר הזכרון פון דעם
קרעמעניצער ארגון אין ישראל. ער האט מיך פארבעטן צו זיך אין שטוב, ווי איך
מיטן חבר כץ האבן אים באזוכט ווי ער האט אונדז זייער פריינטלעך אויפגענומען.
נאך מיין איבערגעבן וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער ארגון אין ישראל און
וועגן די העפטן פון "קול יוצאי קרמניץ" און דעם ספר הזכרון וואס איז דא בכדי
צו פאראייביקן אונדזערע קדושים און נפטרים - האב איך פארגעשלאגען ער זאל
פארשרייבן זיין פרוי ביי אונדז אין ספר הזכרון. חבר כץ האט דערציילט וועגן
דער טעטיקייט פון קרעמעניצער פאריין אין ארגענטינע ווו זיין פרוי איז געווען
שטענדיק אקטיוו אין אלע אקציעס. הער אפטער האט גערן אנגענומען אונדזער פארשלאג
און זיך באשיירט מיט א באדייטענדער סומע, א טייל האט ער גלייך איינגעצאלט,
און די איבעריקע סומע - אין זיין נעכסטן באזוך אין ישראל אין יולי 1977.
דאס האט געווירקט אויף אונדז אנצוהויבן אן אקציע צווישן די לאנדסלייט צו
פארשרייבן די נפטרים פון זייערע משפחות. די חברה ציפע כץ האט דעם פארשלאג
גערן אנגענומען און צוגעזאגט מיטהעלפן אין דער אקציע. אפאר טעג פאר פסח האב
איך מיט מיין פרוי געמוזט אפפארן פון ב. איירעס קיין פארטא-ריקה ווי ס'וווינט
אונדזער טאכטער מיט איר פאמיליע.

כ'אטש די צייט איז געווען זייער או קורצע מיט נאר 1 טאג פריי האט חיים פייער
און זיין פרוי באוויזן איינצולאדן צו זיך אין הויז די פארוואלטונגס-מיטגלידער
פון דעם פאריין מיט זייערע פרויען אויף א פייערליכן אונד-ברויט, וועלכער
איז דורך זי צוגעגרייט געווארן כיד המלך בכדי זיך אפשיידן מיט אונדז.
דער חבר מרדכי כץ האט אין ווארעמע ווערטער אונדז געווונטשן א גליקלעכע רייזע.
אין זיינע רעד האט כץ דערמאנט דעם טאט פון הער אפטער לטובת זיין פארשטארבענער
פרוי ע"ה און פארגעלייגט אז די ארגענטינער לאנדסלייט אונדזערע זאלן נאכטאן
זיין ביישפיל, און פאראייביקן זייערע נפטרים אין קרעמעניצער יזכור בוך אין ישראל.
דער חבר פייער האט געזאגט אז דער גרעסטער כבוד פאר דעם חבר בערענשטיין און
פרוי צוליב זייער אפפארן וועט זיין א באשטייערונג פון אלע אנוועזנדע לטובת דעם
ארגון אין ישראל. אלע האבן זיך באשטייערט און ס'איז געשאפן געווארן א גרעסערע

סומע געלט (פארשטייט זיך לויט דער מאסגאמע פון דער אינפלאציע) אייניקע חברים האבן בשעת מעשה אויך פארשריבן זייערע קדושים און נפטרים אין דעם יזכור בוך פון ישראל, ווי אויך געגעבן דערויף געוויסע סומען אויפן חשבון. די ווארימע אטמאספערע וואס האט געהערשט אויף דער מסיבה האט שטארק געווירקט אויף אונדז. איך און מיין פרוי האבן זיי הערצליך געדאנקט און פארבעטן צו באזוכן ישראל ווי אונדזער שטוב וועט קענען זיין זייער היים. פאר אונדזער אפפארן פון פ.ריקה האב באקומען א בריוו פון מ.גאלדענבערג ווי ער האט צווישן אנדערעס געשריבן, אז דער נומער 14 פון "קול יוצאי קרמניץ" וועט ארויסגיין אין א פארגרעסערטן פארמאט אין צוזאמענהאנג מיט דער 10 יעריקער דערשיינונג פון דער חוברת. כ'האב זיך תיכף געווענדעט צו ציפורה און מרדכי כץ און צו חיים פייער זיי זאלן פארלעגן די חברים אין ארגענטינע זיך אנשליסן צום דערשיינען פון דעם העפט און שוין איינצאלן אדער זיך באשטייערן פארן קונפטיקן נומער ווי זיי וועלן באקומען דעם חוברת אן אפצאל.
כ'האב זיי אויך דערמאנט אז בשעת זייער באזוך בא יעדן איינעם פון די חברים מיטן דערמאנטן צוועק, זאלן זיי אויך דערמאנען וועגן דער פאראייביקן פון זייערע משפחות אין יזכור בוך אין ישראל.

איך וויל גלויבן, אז די אקציע וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאלג. אזוי ארום אויך נענטער פארבינדן די ארגענטינער חברים מיט די לאנדסלייט אונדזערע אין ישראל. די רייזע אונדזערע און די ווארעמע באגעגנישן מיט די לאנדסלייט וועלן מיר אייביק געדענקען.

רשימה פון די וואס האבן זיך באשטייערט, אויף דער געזעגנונג'ס-מסיבה
צום אפפאר פון חבר חיים צבי בערענשטיין מיט זיין פרוי פון ארגענטינע,
לטובת דעם ארגון פון קרעמעניץ אין ישראל, איינגעארדענט דורך דער
פאמיליע פייער אין זייער הויז

| | | |
|---|---|---|
| יחזקאל, פאני רעזניק-גארבער | 500.000 | פעזעס |
| אברהם יערגיס | 300.000 | " |
| יצחק שפאק | 300.000 | " |
| וועלוול אקס | 200.000 | " |
| נוטע קיפערמאן | 200.000 | " |
| מרדכי כץ | 100.000 | " |
| אלמנת פישמאן | 100.000 | " |
| ברוך, מאני קאמענשטיין-דורפמאן | 100.000 | " |
| חיים צבי בערענשטיין | 100.000 | " ס"ה 1.900.000 פעזעס |
| דער באטרעף פון דער סומע 1.900.000 פעסעס אין דולאר | 61 | דולאר |
| משה ליבמאן | 20 | " |
| חיים פייער | 20 | " |
| צבי (ענריקא) פייער | 10 | " |
| מיכאל (מאנזילי) פייער | 10 | " |
| וועלוול אקס פארשרייבן די עלטערן אין בוך | 30 | " על חשבון |
| אלמנת פישמאן פארשרייבן דעם מאן אין בוך | 20 | " " |
| ס"ה | 171 | דולאר |

## רישום של נפטרים מבין אנשי קרמניץ בארגנטינה, בספר הזכרון של ארגון יוצאי קרמניץ בישראל

==========================================================

ביזמתם של צבי ברנשטיין ומרדכי כץ, נרשמים בספר הזכרון הנ"ל חמישה מבין אנשי קרמניץ בארגנטינה שנפטרו בשנים האחרונות. להלן - תמונתו של כל אחד מהנפטרים ודברים לזכרו שנכתבו ע"י החי' מרדכי כץ, מזכיר ארגון קרמניץ שבארגנטינה. דמי הרישום העברו ע"י החי' ברנשטיין.

### רייזע טשודנאווסקי דע אפטער ע"ה



י"ז בחשון (17 טאג) פאלט אויס דער 4-טער יארצייט פון אונדזער בת-עיר, ריווה טשודנאווסקי ע"ה. אלע קרעמעניצער ל"ל האבן בעדויערט איר פרי-צייטיקן טויט צוליב א שווערער קראנקייט וואס האט זי אוועקגעריסן פון אונדזער מיט. די קרעמעניצער געדענקען מסתמא איר פאטער בערל טשודנאווסקי פון דער "ווישנעוויצער סטאנציע" מיט זיין איינפאר-הויז אויף דער גאס מיאדאווארא ווו עס פלעגן איינשטיין יידן פון ווישניעוויץ פאטשאיעוו, לאנאוויץ, בעלאזערקע א. אנ; ריווע איז געווען איינע פון זיינע זעקס טעכעטר (און צוויי זון). אין 1934 איז ריווע געקומען קיין ארגענטינע צוזאמען מיט איר מאמען בתינדל. אין 1936 האט זי חתונה געהאט מיט דעם פאבריקאנט ה' שמעון אפטער ביי. וועלכן זי האט געארבעט. זי האט געבראכט 3 קינדער אויף דער וועלט, וועלכע זענען דערצויגן געווארן אין נאציאנאלן יידישן גייסט אין די שלום עליכם און ביאליק שולן. ריווע איז געווען אן איבערגעגעבענע שטיצערן פון דעם קרעמעניצער ל"ל פאריין אין ב. איירעס. זי און איר חשובער מאן ה' ש. אפטער פלעגן רעגולער באזוכן אונדזערע ימים טובים און אזכרות. פאר דעם "יזכור-בוך" זענען זיי געווען פון די ערשטע בריטהארציקע באשטייערער.

ריווע האט זיך קיין מאל נישט ארויסגעשטעלט מיט איר רייכקייט נאר פארקערט שטיל הארציק און בעשיידן. מיט א נשמה פון א צדקת, וועלכע האט ארויסגעקוקט דורך איר ווארעמען בליק. איר מאן איז צו לענגערע יאר, ה' שמעון אפטער, איז אן אקטיווער נאציאנאלער עסקן. אין יאר 1948 איז ער געווען פרעזידענט פון דער רעוויזאניסטישער פארטיי אין בוענאס איירעס. זיי האבן שוין באזוכט 12 מאל מדינת ישראל. אין גיכן פארט ה' אפטער נאך אמאל. מיר האבן פארשטאנען אז ריווע טשודנאווסקי דע אפטער דארף פארהייביקט ווערן אין דעם נפטרים בוך פון די קרעמעניצער. דער סעקרעטאר מרדכי כץ און צבי בערענשטיין (געוועזענער סעקרעטאר) וועלכער האט געוויילט אין ב.איירעס האבן באזוכט דעם ה' אפטער וועלכער האט איינגעשטימט און גלייכצייטיק זיך בייגעשטייערט מיט א בעדייטנדער סומע און פאראייביקט זיין גאטזעליקע פרוי ריווע טשודאווקי דע אפטער.

יהי זכרה ברוך.

★★★★★★★★★★★★★★



## אסתר רויטבערג דע דאבריש ע"ה

דעם 25טון יולי 1977 ווערט א יאר זינט עס האט זיך אויסגעלאשן דאס לעבן פון דער פרוי אסתר רויטבערג ע"ה וועלכער מיר דערמאנען היינט מיט ליבע און שעצונג.
זי איז געווען אן אקטיווע געזעלשאפטלעכע טוערן און א געטרייע איבערגעגעבענע לאנדסמאנקע.
האט קיין מאל נישט געפעלט אויף אונדזערע יום טובים און אזכרות. אין דעם יזכור-בוך פון די קרעמעניצער אין ארגענטינע שרייבט פריינט איסר קאמינסקי דאס פאלגענדע: ביי די שיכמאנס אין שטוב האבן מיר זיך באקאנט מיט דער געטרייער בת-עיר "אסתרקע" ווי מיר אלע רופן זי נאך ביז היינט צוטאג, וואס איז די שוועסטער פון אונדזער חשובער אקטיוויסטן ציפע כ"ץ. אדאנק אסתרקעס קומען האט זי באוויזן אראפצונעמען אירע שוועסטער, ווי אויך דעם שוואגער מרדכי כ"ץ, דעם אקטיוון סעקרעטאר פון פאריין, וואס האבן זיך אזוי ארום ארויס-געראטעוועט פון אומקום. זי לאזט איבער אין טיפן טרויער א מאן, א זון און א טאכטער און צוויי איינייקלעך.



## יאשא פישמאן ע"ה

און מאנאט פעברואר 1977 איז געווארן 2 יאר זיינט ט'איז אוועק אין דער אייביקייט דער געוועזענער וויצע פרעצידענט פון אונדזער ל"ל פאריין יאשא פישמאן ע"ה, וועלכער איז געווען אלאנגיאריקער אקטיווער און געטרייער מיטארבעטער.

ספעציעל האט ער זיך אויסגעצייכנט ביים שאפן מיטלען פארן יזכור-בוך.
ער האט איבערגעלאזט זיין פרוי מאניע און אסך חברים און גוטע פריינט וועלכע דערמאנען אים מיט ליבע.

גלייכצייטיק ווערט ער פארהייביקט אין דעם נפטרים-בוך אין ישראל, ביי דעם קרעמעניצער ל"ל פאריין.

כבוד זייך אנדענק.

★★★★★★★

## ברכה (פאראטא) יערגיס דע וועכעטילנע



דעם 5-טן פון חודש אויגוסט 1977 פאלט אויס דער ערשטער יארצייט פון דער ליבער און טייערער טאכטער פון אונדזערע אקטיווע קאמיסיע מיטגלידער אברהם און פריידע יערגיס, וועלכע האט איבערגעלאזט אין טרויער דעם מאן און איינציקן זון, א ברודער און א שוועסטער ווי בכלל די גאנצע קרעמעניצער עידה לאנדסלייט.
פאראטא - ווי מען האט די גערופן פארצויגן, איז אין גאנצן אלט געווען 42 יאר און האט זיך געגרייט מיטן מאן זייער ענטוזיאסטיש צו מאכן א רייזע קיין ישראל. אין לעצטן מאמענט ווען זיי זענען שוין געווען גרייט מיט פארפאקטע

וואליזעס האט זי זיך דערפילט שלעכט און אן אומרחמנותדיקע קרענק האט זי געמוטשעט 2 יאר צייט און זי אומגעבראכט. איך שרייב דעם נעקראלאג מיט א סך טרויער אין הארצן, ווייל דער גורל האט געוואלט אז איך זאל זיין דער רבי פון איר גרעסטענעם זון וועלכן איך האב צוגעגרייט צו זיין בר מצווה און איך האב צוגעזען די פרייד פון זיינע עלטערן און ספעציעל פאראטא די הארציקע פרוי, מיט דעם קינדערשן שמייכל אויף די ליפן וועלכע האט מיט הארץ און נשמה געזארגט אז די בר מצווה זאל זיין העכט יידיש און טראדיציאנעל.

כבוד איר אנדענק.

אידל קאטקאווניק ע״ה

סעם 8-טן אויגוסט 1977 איז אוועקגעריסן געווארן פון אונדז דער ליבער חבר און לאנדסמאן אידל קאטקאווניק נאך א לענגערער ביטערער קרענק.
איינער פון די גרינדער פון קרעמעניצער ל״ל פאריין.
געוועזענער וויצע פרעזידענט און האט אסך מיטגעהאלפן ביין ארויס-געבן דעם קרעמעניצער יזכור-בוך.
אן ערנסטער אקטיוויסט וועלכער האט געטאן די ארבעט מיט פארשטענדניש און אחר׳ות. בכלל געווען א הארציקער מענטש און אלע ל״ל בעדויערן זיין פריצייטיקן טויט.

ער האט איבערגעלאזט אין טרויער זיין געטרייע פרוי גיטל ראזנבערג אן אקטיווע מיטארבעטערן פון דער פרויען קאמיסיע ביים ל״ל פאריין, ווי אויך צוויי טעכטער, איידעמס און אייניקלעך.



כבוד זיין אנדענק.

יהושע גולברג

## שפענדונגען פון אויסלאנד

מיר געבן איבער א וויטערדיקע רשימה פון די געלטער וועלכע זענען איינ-געפלאסען אין לויפענדען יאהר פון די קרעמעניצער אין אויסלאנד, פריערדיקע רשימה - אין העפט נומער 13/י"ג/ זייט 47.

★★★★★

### לטובת "קול יוצאי קרמניץ"

| | | | |
|---|---|---|---|
| 15.8.76 | רפפורט דוד, אמעריקא | 10.- | דולאר |
| 29.10.76 | מוריס מעדלער, " | 25.- | " |
| 6.12.76 | פרעד ביק, " | 100.- | " |
| 19.12.76 | פון אונדזערע לאנדסלייט אין ארגענטינה - דורך צבי בערנשטיין | 100.- | " |
| 25.1.77 | יצחק וואקמאן, אמעריקא | 100.- | " |
| 5.4.77 | פון אונדזערע לאנדסלייט אין ארגענטינה - דורך צבי בערנשטיין | 100.- | " |
| 7.4.77 | נורמאן דעסער, אמעריקא | 25.- | " |
| 24.5.77 | וואלף שניידער, דעטרויט | 50.- | " |
| 8.7.77 | נורמאן דעסער, אמעריקא | 25.- | " |
| | בס"ה | | 535 דולאר |

### לטובת "ארגון יוצאי קרמניץ"

| | | |
|---|---|---|
| 15.5.77 | מקס דעסער, וויניפעג | 20 " |
| | **פאר נויטבערערפיטיגע /מעות חטין/** | |
| 7.4.77 | יצחק וואקמן, ניו-יורק | 100 " |
| 15.6.77 | תרומה למטרה מסויימת<br>לשם רישום בספר "יזכור-בוך" ונקרולוגים בחוברת, את בני עירנו בארגנטינה שהלכו לעולמם.<br>(נאספו ע"י צבי ברנשטיין) | 150 " |
| | ס"ה בדולארים | 805 דולאר |

### לטובת "ארגון יוצאי קרמניץ" אין ישראלדיקע פונטן

| | | | |
|---|---|---|---|
| 9.12.76 | מאקס שפינקו, קאנאדע<br>באמצעות גב' יהודית קדם מקרית מוצקין | 1000.- | ל"י |
| 26.5.77 | פייוועל בארא, קאנאדע | 2000.- | " |
| 3.6.77 | מבני עירנו בארגענטינא (ממכירת תקליטים של מרדכי כץ) | 210.- | " |
| | ס"ה בלירות ישראליות | | 3,210 ל"י |

יהושע גולברג

## הכנסה עבור נקרולוגים בחוברת 14:

| | |
|---|---|
| ווישניוב הרצל, קיבוץ שריד, לזכר בנו יאיר ז"ל שנפל במילוי תפקידו | 150 ל"י |
| גב' שרה רבינוביץ, תל-אביב, לזכר בעלה ישראל רבינוביץ ז"ל | 250 " |
| גב' דוזיא פדרמן לזכר אמה - פרידה רובינפיין ז"ל, אשתו של צבי בן-אפריים (רובינפיין) מפרדס-כץ | 500 " |
| גב' אילנה אלקין, לזכר אמה - אירקא ביראן ז"ל (מהבית גינדעס) מחיפה | 500 " |
| גב' מאשה פסיס, רמת אביב, לזכר אחיה זלמן ז"ל שנפטר בקרמניץ במאי 1977 | 200 " |
| ס"ה | 1,600 ל"י |

☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆☆

## רשימת התורמים למגבית לטובת "קול יוצאי קרמניץ"

(המשך מהרשימה בחוברת י"ג, עמ' 48)

| | | |
|---|---|---|
| אסתר קרייווין, חיפה | 50 | ל"י |
| קרמנצ'יצקה שלה, ירושלים | 90 | " |
| ליטבק-בר-חנא צפורה | 100 | " |
| תורן-פלדמן דבורה | 100 | " |
| גולברג בצלאל | 100 | " |
| צבי בן-אפרים (רובינפיין) | 100 | " |
| יצחק חרש | 100 | " |
| גב' קרלר אננא | 100 | " |
| צבי הורביץ | 100 | " |
| פסח גורינשטיין, פריס | 150 | " |
| משה לויתן | 65 | " |
| עבור מכירת חוברות לקיוסק וויינברג, ירושלים | 67 | " |
| גולציר מאיר | 50 | " |
| בסיס עטרה | 50 | " |
| ברגר שמחה | 50 | " |
| בודאקר | 50 | " |
| אריה לויתן (ליאוניה) | 50 | " |
| אמדורסקי מנדל | 50 | " |
| גב' אגוזי בלה | 50 | " |
| ברנשטיין אלכסנדר (שלום) | 50 | " |
| גב' נחמה ביהר | 50 | " |
| אהרון גינצבורג | 50 | " |
| נחמן שני צר | 40 | " |
| אברהם חסיד | 40 | " |
| שמואל מנוסוביץ | 50 | " |
| ס"ה | 1,752 | ל"י |

י. רוכל

# דין וחשבון כספי לשנים 1976-1975

(התנועה בלירות ישראליות)

| | 1975 | 1976 |
|---|---|---|
| **יתרה להתחלת השנה** | | |
| בבנק הפועלים | 593 | 1,511 |
| בבנק הדואר | 99 | 44 |
| | 692 | 1,555 |
| **ה כ נ ס ה** | | |
| דמי חבר שנגבו ביום האזכרה השנתית | 2,802 | 1,725 |
| דמי חבר שנגבו במשך השנה | 555 | 204 |
| בעד "קול יוצאי קרמניץ", חוברות | 2,175 | 4,325 |
| בעד "קול יוצאי קרמניץ" נקרולוגים | 200 | - |
| בעד "קול יוצאי קרמניץ", מחו"ל | - | 1,000 |
| "פסל ריב"ל" מחבר הרוצה בעילום שמו | 850 | - |
| "פסל ריב"ל" - מחברים שונים | 695 | - |
| לפעולות שונות של הארגון מחו"ל | 277 | 300 |
| לטובת "ספריית ריב"ל" 500 + 1000 | - | 1,500 |
| לצרכי סעד, מחו"ל | - | 970 |
| רבית מבנק הפועלים | 10 | 12 |
| המרת דולרים (2100-1975; 1976 - 555) | 12,859 | 4,486 |
| לטובת קרן מיוחדת | - | 3,000 |
| ס"ה | 21,115 | 19,077 |
| **ה ו צ א ה** | | |
| "קול יוצאי קרמניץ" (כולל "דפי ריב"ל) | 5,335 | 9,544 |
| ספריית ריב"ל | 2,661 | 2,735 |
| פסל ריב"ל | 4,500 | - |
| אזכרה שנתית לקדושי קרמניץ | 781 | 945 |
| סעד לחברים נצרכים | 1,300 | 1,400 |
| לקרן המילגות, לזכר פרופ' זאב חסיד ז"ל | 1,800 | - |
| לקרן המילגות לזכר שוהם אפרתי ז"ל | 1.200 | - |
| קבלת אורחים מחו"ל, ישיבות הועד והמערכת | 347 | 487 |
| טלפון | 303 | 296 |
| דואר | 119 | 186 |
| נסיעות | 278 | 397 |
| צרכי משרד | 107 | 116 |
| הנהלת חשבונות בשכר | 400 | - |
| מסגרת לתמונה ל"פינת קרמניץ" | 100 | - |
| נקרולוג בעתונות | 171 | - |
| עמלה לבנק הפועלים | 158 | 100 |
| סעד לשתי נוצריות בפולין, שסייעו להצלת יהודים בקרמניץ | - | 314 |
| ס"ה | 19,560 | 16,520 |
| **יתרה לסוף השנה:** | | |
| בבנק הפועלים | 1,511 | 2,380 |
| בבנק הדואר | 44 | 177 |
| ס"ה | 1,555 | 2,557 |

הערה התנועה בדולרים - בדו"ח נפרד.

## התנועה בדולרים

### 1975

| | | | $ |
|---|---|---|---|
| **יתרה להתחלת השנה** | | | 1,097 |
| **ה כ נ ס ה** | | | |
| בשביל "קול יוצאי קרמניץ" | | 576 | |
| לצרכי סעד | | 100 | |
| לפעולות שונות של הארגון | | 335 | |
| **מצוואת זאב חסיד ז"ל** | | | |
| בשביל "קול יוצאי קרמניץ" | 1,000 | | |
| בשביל ספריית ריב"ל ופסל ריב"ל | 1,500 | | |
| בשביל פעולות שונות של הארגון | 500 | 3,000 | |
| רבית | | 70 | 4,081 |
| ס"ה | | | 5,178 |
| **הוצאה** - המרה ללירות ישראליות | | | 2,100 |
| יתרה לסוף השנה | | | $ 3,078 |

### 1976

| | | |
|---|---|---|
| **יתרה להתחלת השנה** | | $ 3,078 |
| **הכנסה** | | |
| בשביל "קול יוצאי קרמניץ" | 345 | |
| בשביל "ספריית ריב"ל" | 300 | |
| לפעולות שונות של הארגון | 70 | |
| רבית | 181 | 896 |
| ס"ה | | 3,974 |
| **הוצאה** - המרה ללירות ישראליות | | 555 |
| יתרה לסוף השנה | | $ 3,419 |